STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05120

SHEERIT YISRAEL

Yehoshua Mezah

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל

(אין דריא טהייל)

פֿון יהלו"ם.

שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ הֵמָּה יְנַחֲמֻנִי.
(תהלים כ"ג).
עוֹלֵל יְעוֹלְלוּ כַגֶּפֶן שְׁאֵרִית יִשְׂרָאֵל.
(ירמיה ו' ט').

ווילנא, תרס"ב.
בדפוס י. פיראזשניקאוו.

ШЕЙРИСЪ ИЗРАИЛЬ

т. е.

ОСТАТКИ ИЗРАИЛЯ

Евреи въ средніе вѣка.

Соч. О. МЕЙЗАХА.

Вильна. Типографія И. I. Пирожникова, Завальная ул. д. № 1147.
1901.

Дозволено Цензурою С.-Петербургъ 29-го Октября 1900 г.

אינהאלטס—פערצייכניס:

דיא השגחה פרטית	7
דער גרויסער הונגער	33
אדאפפעלטער שטראף	37
דער אונבעוואהנטער אינזעל	45
דיא שרעקליכע נקמה	53
דער יודישער גבור	58
דיא שחיטה אין שול	63
דער חרבן אין גראנאדע	71
דער גרויסער וואונדער	79
דיא ביידע וועלטען	96
דער גיפטיגער בלבול	102
דיא אונגליקליכע מוטטער	106
דער פייערדיגער מופת	111
אנייער עלילת דם	120
דער קדוש ווירגא	124
תוכחת מגולה	128

דִיא הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

(אַזוֹיא גוּט וִויא אַפָּארְעָדָע)

אדם יוצא לשוק יהי דומה בעיניו כמו שנמסר לסרדיוט. חש בראשו יהי דומה בעיניו כמו שנתנוהו בקולר. עלה למטה ונפל יהי דומה בעיניו כמו שהעלוהו לגרדום לידון שכל העולה לגרדום לידון אם יש לו פרקליטין גדולין נצול ואם לאו אינו ניצול ואלו הן פרקליטין של אדם תשובה ומע"ט.

(שבת ל"ב).

דָער מַאֲמָר אִיז אֵיינֶער פוּן דִיא פִיעל מַאֲמָרִים אִין תַּלְמוּד וָואס לֶערְנֶען אוּנְז צוּ מְהוּן תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. אוֹיךְ זֶעהֶען מִיר פוּן דָעם מַאֲמָר וִויא גְרוֹיס דִיא הַשְׁגָחָה פְּרָטִית אִיז, דָער זִינְדִיגֶער מֶענְשׁ קוֹים הָאט עֶר חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע זִינְד, עֶר פַארְלָאזְט זַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים, עֶר מְהוּט תְּשׁוּבָה, וֶוערְט עֶר

פון טויט גערעטעט, וויא דער פסוק זאגט: כי לא אחפץ במות המת וגו' והשיבו וחיו (יחזקל י"ח ל"ב) אזעלכע פאקטען געפינען מיר פיעל מאל. למשל: אז דער יודישער „ויצעקו" אין מצרים און אין דיא צייטען פון המן הרשע און דאס גלייכען איז גע־ווארען גרויס, ד. ה. דיא יודען האבען תשובה גע־טהון, געשריען צו גאטט, געבעטען איהם: ער זאל זייא רעטטען פון טויט, האט גאטט צוגעהערט דיא יודישע זיפצען פון זייער טיפען הערצען, און ער האט זייא מציל געוועזן פון זייערע אונגליקען.

נור מערקווירדיג איז צו זעהען דאס דיא יודישע ישועה, זייער רעטטונג ברייננגט גאטט אויף פער־שיעדענע ארטען, אמאל בעפרייט ער דעם נרדף, וויא דער פסוק זאגט: והאלהים יבקש את נרדף (קהלת ג' טו') דאס הייסט, גאטט גיבט דעם נרדף אגוטען געדאנקען און כח צו אנטלויפען פון סכנה, דורך נסים ונפלאות ווערט דער „נרדף" נצול פון דעם רודף, וויא דיא מעשה איז געוועזן אין מצרים מיט דיא יודען. און אמאל ווערט דער רודף בע־שטראפט, וויא דיא מעשה איז געוועזן מיט דעם צורר היהודים המן. ער האט געהאט אגרויסע מפלה. איהם האט גאטט אבגעשאפט פון דער וועלט, און דיא יודען זיינען געבליעבען זיטצען אויף זייערע ארטער, דיא סבה דערפון איז אזויא: ווען גאטט זעהעט אז דיא גאנצע לאנד, אללע איינוואהנער

זיינען שונאים דיא יודען, דענסטמאל וויל גאטט ניט
טאדטען אזויא פיעל מענשען, פערניכטען אגאנצע
לאנד, בעפרייט ער דיא יודען פון זייערע האנד,
ער נעהמט זייא צו פון יענע לאנד, אונ פיהרט זייא
אוועק אין אנאנדער לאנד וואס זייא זאלען דארטען
זיין געזיכערט מיט זייער לעבען אונ פארמעגען, אבער
ווען גאטט זעהעט דאס דער צאהל פון דיא יודישע
שונאים זיינען וועניג, דער קאניג אונ דאס גאנצע
לאנד, אללע איינוואהנער ווילען קיין שלעכטעס
טהון דיא יודען, זייא ווערען אבער פארפיהרט דורך
איינעם, אדער איינגע יודענפיינדע, דאן בעשטראפט
גאטט דעם (אדער דיא) יודענפיינד, ער בעקומט
אשטראף אזויא וויא ער פארדינט, ער האט אגרויסע
מפלה אונ דאדורך ווערען דיא יודען געראטעט פון
זייער אונגליק, דארום איז קיין וואונדער וואס גאטט
האט דיא יודען פון שפאניע ארויסגעפיהרט, (דיא
זעלביגע פון מצרים) וויל אללע שפאניער פון קליין
ביז גרויס זיינען געוועזן גרויסע שונאים דיא יודען,
דער קלענסטער שפאניער פלעגט באליידיגען דעם
גראסטען יודען, מיט דעם באליידיגען אליין איז ער
ניט יוצא געוועזן, ער פלעגט זיך נוקם זיין אן דעם
יודען וויא דער גראסטער מארדער, אזויא פיע, צרות
וויא יודען האבען געליטען אין שפאניע, האט נאך
קיין פאלק אין קיין לאנד געליטען. נור וואו האבען
דיא יודען גענומען אזא גרויסען כח אויסצוהאלטען

אונ אריבערצוטראגען דיא צרות אונ דיא יסורים מיט דיא עינוים קשים ומרים? דיא פראגע איז אפילו אנ'אלטע, פיעל מענשען האבען דארויף געענטפערט תירוצים, יעדער נאך זיין השגה אונ פערשטאנד, אבער נאך אללע אנטווארטען, בלייבט דיא פראגע נייא, אריכטיגען תירוץ איז זעהר שווער צו ענטפערן, אין אונזערע הקדמות (פארעדען) צו דיא חלקים פון „שבט יהודה השלם" אונ „נדחי ישראל" ענטפערן מיר אתירוץ, נאמליך:

„מעשה אבות סמן לבנים".

אונ מיר ערקלאהרען דארטען דעם אנטווארט מיט פיעל פערשידענע פאקטען. אונ יעטצט וועלען מיר מוסיף זיין איינינע פאקטען, נאמליך:

דער היילינער נביא זאגט: ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה (ישעיה י"ב ג') קאן מען זאגען דיא כונה פון דעם פסוק אויף אזא אופן: עס איז ידוע דאס אין דיא גרויסע מדבריות ווען איינער רייזט דארט איז איהם שוועהר צו בעקומען וואססער. אונ דאס איז ידוע אז דיא היטץ איז דארט זעהר גרויס. אונ עס ווילט זיך שטארק אטרונק אונ וואססער איז דארט ניטא. דער רייזענדער איז דארט אין סכנות נפשות, ער קאן שטארבען פון דורשט.

ויהי היום, האט אגרויסער קאניג מיט זיינע

פיעל גבורים דורכגעריזט אזא שרעקליכען מדבר, ער איז דורשטיג געווארען, האט ער בעפוילען זיינע גרויסע גבורים זיא זאלען איהם געבען וואסער, ווענדעט זיך וויא זיין בעפעל איז געוועזען, אויב ער האט בעפוילען דאס זיא זאלען לויפען און בריינגען איהם וואסער פון אוייטען ארט, האט דער קאניג געטהון אטובה נור זיך אליין און ניט קיין אנדערן, ווען אבער ער האט בעפוילען דאס זיא זאלען גראבען אויף יענעם ארט אטיפען ברונען ביז עס וועט געפונען ווערן וואסער, האט ער געטהון אטובה זיך און נאך מענשען וואס וועלען נאכדעם דארט קומען, ער וועט דעם ברונען דארט איבער-לאזען פאר אנדערע רייזענדער אויך, און יענע וועלען דאנקען דעם קאניג פאר דאס וואסער, ווייל זיא וואלטען ניט געהאט דעם כח אויסצוגראבען אויף יענעם ארט אברונען. וואלטען זיא דארט פון גרויס דורשט געווים געשטארבען, האט זיא דער קאניג גערעטעט פון טויט, אט דאס מיינט דער פסוק: ושאבתם מים בששון — פון וואנען? — ממעיני הישועה, דיא הילף וועט זיין ניט נור אויף יענער צייט אליין, זאנדערן לדורות, אויף עוויג, דער קוואל וועט קיין מאל ניט אויפהערען צו קוועלען זיינע רעטונגס וואסער...

דערמיט קאן מען פארשטיין דיא כונה פון דעם פסוק: אל תירא אברם אנכי מגן לך שכרך הרבה

מְאד (בראשית טו׳ א׳) בְּהַשְׁקָפָה הָרִאשׁוֹנָה אִיז דִיא
פְרַאגֶע: פַאר וָואס קוּמְט אִיהְם פִיעֶל שְׂכַר? אִיז
דֶען וֶוענִיג וָואס גָאטט פַארְשְׁפְּרֶעכְט אִיהְם צוּ זַיין
אַפַאנְצֶער פַאר אִיהְם. ד. ה. אַזוֹיא וִויא אַפַאנְצֶער
בֶּעשִׁיטְצְט דֶעם מֶענְשֶׁען — וָואס טְרָאגְט אִיהְם — פוּן
אַקוֹיל, אַזוֹיא וֶועט גָאטט אִיהְם בֶּעשִׁיטְצֶען פוּן אַלֶע
שְׁלֶעכְטֶעס, פַאר וָואס אִיז „שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה מְאד״? —

נוּר דֶער אַנְטְוָוארְט אִיז אַזוֹיא: אַבְרָהָם אָבִינוּ
ע״ה הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע צָרוֹת, עֶר אִיז אַרַיינ־
גֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען אִין אַהֵייסֶען בְּרֶענֶענְדֶען קַאלְךְ
אוֹיוֶוען, עֶר הָאט גֶעמוּסְט מִלְחָמָה הַאלְטֶען גֶעגֶען
פִיעֶר מְלָכִים. בְּקִיצוּר: צֶעהֶן נִסְיוֹנוֹת אִיז עֶר בַּיי־
גֶעשְׁטַאנֶען. נִיט וַוייל עֶר הָאט דִיא צָרוֹת פַארְדִינְט
דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, חָלִילָה, נוּר וַוייל גָאטט
הָאט גֶעוָואלְט דָאס אַבְרָהָם זָאלל אוֹיסְטְרֶעטֶען אַוֶועג
פַאר זַיינֶע אֵיינִיקְלִיךְ זַייא זָאלֶען דִיא צָרוֹת קָאנֶען
אַרִיבֶּערְטְרָאגֶען. וִויא דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט בְּפֵירוּשׁ: אמר
הקב״ה לאברהם אבינו צא וכבוש את הדרך לפני
בניך (מדרש בר״ר פ׳ מ׳) אִיז דָאךְ אאע״ה גֶעוֶוען אַמְזַכֶּה
אֶת הָרַבִּים, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגְרָאבֶּען, גֶעאֶפֶענְט
אַ מַעְיַן יְשׁוּעָה לְדוֹרוֹת, דֶערְפַאר קוּמְט אִיהְם פִיעֶל
שְׂכַר, אוּנ אַזוֹיא זָאגְט דֶער יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי אִין סֵפֶר
(יהושע סימן ט״ו): כל נסים שנעשו לישראל בזכותו
של אברהם היו וכו׳ וכו׳ אַט דָאס מֵיינְט דֶער מֶדְרָשׁ:

ומעשה אבות סימן לבנים!

עס זיינען געווען צייטען וואס אויף דעם יודען אין שפאניע איז מקוים געווארען דיא קללה פון דער תוכחה: שורך טבוח לעיניך ולא תאכל ממנו (דברים כ"ח ל"א) מען קאן זאגען: אז דאס איז אויך ארמז אויף דיא היינטיגע אנטיסעמיטים אין אויסלאנד וואס האבען געוואלט און ווילען נאך עד היום אסרן דיא יודישע שחיטה, כדי יודען זאללען קיינע פלייש עססען, דעם רמז נעהמען מיר דערפון: פאר וואס אין פסוק שטעהט ניט מיט דעם לשון שחיטה, וויא דער פסוק זאגט אין אנאנדער ארט וישחטו את הפר (ש"א א' כ"ה) אויך זאגט דער פסוק וישחטו ארצה (שם י"ד ל"ב) ושחטתם בזה (שם, שם ל"ד) וישחטו שם (שם) גראדע ביא דער קללה שטעהט געשריעבען מיט דעם לשון „טבוח", מיינט דער פסוק אזויא: שורך—דיין—אכס—טבוח—וועטמען טאדטען אויף אזא אופ'ן וואס דוא וועסט פון איהם ניט קאנען עססען... דיא פראגע איז: ווער שטערט דיא אנטיסעמיטים זיא זאלען ניט קאנען אסרן דיא שחיטה? — נור בעת גאטט האט כורת ברית געווען מיט אברהם אבינו ערצעהלט אונז דער פסוק: וירד העיט על הפגרים וישב אותם אברם (בראשית ט"ו, י"א) און דער ווארט „עיט" ווערט געברויכט אויף שלעכטע מענשען, וויא דער פסוק זאגט: העיט סביב עליה (ירמיה י"ב ט').

ומעשה אבות סימן לבנים!

עס איז מערקווירדיג צו זעהען אין דיא גע-
שיכטע דער יודען אין שפאניע דאס אללע יודען
האטטען גערודפת, זייא האבען געהאלטען פאר
אמצוה צו פערשאפען דיא יודען גרויסע צרות, דער
יוד האט אקאפף ניט געקאנט אויפהייבען, ער האט
וועניגער רעכטע געהאט וויא אללע אנדערע איינ-
וואהנער אין שפאניע, אדער בעסער געזאגט: גאר
קיינע רעכטע! אונ דאך זיינען געוועזען יחידי סגולה
פון יודען וועלכע זיינען געוועזען קרובים למלכות, אונ
זייער רייך, ווען איינער וועט פראגען: וויא קאנען
אזעלכע צווייא גרויסע קאנטראסטען עקסעסטירען,
וויא איז דאס מעגליך אזא דבר והפוכו?... וועל
איך איהם ענטפערן: דאס אזא חזיון האט יעקב
אבינו ע"ה געזעהען אין חלום, וויא דער פסוק ער-
צעהלט אונז: ויחלם — איהם האט זיך געטרוימט:
(ווייל דיא נבואה איז געוועזען אויף לעתיד) והנה סלם
מצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי
אלהים עלים ויורדים בו והנה ה' נצב עליו (בראשית
כ"ח י"ב י"ג) דיא כונה פון דיא פסוקים זיינען אזויא:
דער קאפף (אויבערשטער שפיטץ) פון לייטער שטייגט
אין הימעל, אונ גאטעס מלאכים שטייגען ארויף
אונ נידערן אראפ. ד. ה. אמאל זיינען זייא עולים
לגדולה. אונ אמאל — יורדים למטה... זייא וואלטען
אזא שרעקליכע זאך געווים ניט געקאנט אויסהאלטען,

נור — וְהִנֵה ה׳ נִצָב עָלָיו, און וואו גָאטט שְׁטֶעהְט דֶערְבֵּייא אִיז יֶעגֶער גֶעוִויס גֶעוִויכֶערְט מִיט זַיין לֶעבֶּען.

ומעשה אבות סימן לבנים!

* * *

דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה זָאגְט: שִׁבטך ומשענתך המה ינחמוני (תהלים כ״ג ד׳). דָאס הֵייסְט: שִׁבְטְךָ — בְּעֵת דוא שְׁלָאגְסְט מִיר מִיט דַיין רוטה, דֶענְסְטְמָאל — וּמִשְׁעַנְתֶּךָ — שְׁפַּארְסְט דוא מִיר אוּנְטֶער, דוא הַרְגֶעסְט מִיךְ נִיט, דֶערְפַאר — הֵמָּה יְנַחֲמוּנִי, זֵייא בֵּייְדֶע (שִׁבְטְךָ וּמִשְׁעַנְתֶּךָ) טְרֵייסְטֶען מִיךְ, אֲפִילוּ דִיא רוטה אִיז אוֹיךְ מִין טוֹבָה... דוּרךְ דִיא רוטה וֶוער אִיךְ בֶּעסֶער...

ומעשה אבות סימן לבנים!

* * *

דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה זָאגְט: מאשפת ירים אביון להושיבי עם נדיבים עם נדיבי עמו. (תהלים קי״ג) דִיא כַּוָונָה פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז אַזוֹיא: וֶוען אַגְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן וֶוערְט דוּרךְ אַסִבָּה רֵייךְ, שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט אִיהְם דִיא אַלְטֶע שְׁטָאדְטִישֶׁע גְבִירִים, זֵייא מַאכֶען מִיט אִיהְם וֶוענִיג גֶעזֶעלְשַׁאפְט, זֵייא ווִילֶען אִיהְם קֵיין כָּבוֹד גֶעבֶּען, זֵייא ווִילֶען אִיהְם נִיט צוּלָאזֶען

זאגען אדעה אין שטאדטיגע ענינים. און דאס איז ידוע דאס גראדע אזא גביר זוכט כבוד און אז ער זעהט דאס דער כבוד אנטלויפט פון איהם, פאהרט ער אוועק אין אנאנדער שטאדט וואו מען קאן איהם ניט פון אמאל, דארטען קומט ער אפארטיגער גביר, ווערען יענע שטאדטיגע גבירים מיט איהם גרויסע מחותנים, זייא שעטצען איהם אלס חבר, וויא איז אבער ווען דער ארעמאן ווערט אגרויסער מיליאנער, שעמען זיך ניט מיט איהם אפילו יענע גבירים וואס קאנען איהם פון אמאל אלס ארעמאן, אט דאס זאגט דוד: אמאל מאכט גאטט מאשפות ירים אביון להושיבי עם נדיבים דאס הייסט: פרעמדע נדיבים וואס קאנען איהם ניט, זעטצען זייא איהם בייא זיך, און אמאל מאכט ער איהם אזויא רייך „עם נדיבי עמו", אפילו יענע נדיבים וואס קאנען איהם שוין אלאנגע צייט שעמען זיך אויך ניט מיט איהם זיטצען צוזאמען.

ומעשה אבות סימן לבנים!

* * *

עס האט אמאל געטראפען צייטען וואס פיעל יודען זיינען אנטלאפען פון זייערע בלוט פיינד אין דער מדבר, אדער אין וואלדער, אויף פעלדער,

זייא האבען געוואוסט אז דארטען זיינען פאראן חיות רעות, נחשים ועקרבים, על פי דרך הטבע האבען דיא יודען דארט ניט בעדארפט אויסהאלטען, נור דוד המלך אנטלויפענדיג פון שאול המלך האט ער זיך פארבארגען אין אגרויססען מדבר, ער האט דארט געמאכט אזיכערע וועג פאר זיינע קינדער...

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

וואס קאן זיין ערגער און שוועהרער און סכנות-דיגער וויא דורכצוגיין אשטורעמדיגען ים וואס הינטען יאגען שונאים מיט אשארפען שווערד אין זייער האנד, און פון דיא זייטען זיינען פאראן גיפטיגע שלאנגען וואס מיט זייערע אויגען ווען זייא גיבען אבליק אויף אמענשען קאנען זייא איהם פארברענען, זייערע גיפט איז זעהער שטארק געפעהרליך, דער מעער רוישט שטורעמט. דיא וועלען (גלי הים) שטויסען איינע דיא אנדערע, וויא זייא וואלטען וועלען פארטריינקען דיא גאנצע וועלט, מיט אמאל איז דער רוישענדער ים טרוקען גע-ווארען, דיא יודען זיינען אריבערגעגאנגען דעם ים, וויא דארט וואלט קיין מאל ניט געוועזען וואסער,

און דיא שונאים זיינען נאכגעלאפען אין ים און זייא זיינען ערטרונקען געווארען, ווען איינער וועט פראגען; צו וואס האט גאטט בעדארפט מאכען אזא גרויסען נס, טרוקען מאכען דעם ים, ער האט דאך געקאנט בעפעהלען דיא יודען זייא זאלען מלחמה האלטען און בעזיעגען אזויא וויא זייא האבען נאכדעם מלחמה געהאלטען מיט עמלק און מיט אנדערע שונאים? נור גאטט האט געטהון דעם נס טרוקען מאכען דעם ים זועף בעת דיא יודען זיינען שוין געוועזן ביז דעם האלדז אין וואסער (ע״פ מאמרם) דיא סכנה איז שוין געוועזן אויף דיא לעטצטע און האכסטע אקטאווע, דער ים האט גע-זעהען דעם שם המפורש איז ער אנטלאפען (וויא דער ילקוט ראובני שרייבט אין פרשה בשלח ע״ש).

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

דוד המלך האט מתפלל געוועזן צו גאטט מיט די ווארטער: הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש, טבעתי ביון מצולה וגו׳ רבו משערות ראשי שנאי חנם (תהלים ס״ט) דעם גאנצען קאפיטל האט דוד גע-זאגט און געבעטען פאר זיך, מקוים געווארען איז דאס אין שפאניע, ווייל:

מעשה אבות סימן לבנים!

דיא יודען אין שפאניע האבען אמאל געהאט גרויסע צרות, און דיא יודישע שונאים האבען אויף יעדער צרה געפונען אויסרייד, אמאל האטמען זיך צו זייא געצעפעט פאר וואס זייא געהמען „פראצענט"... און אמאל: פאר וואס זייא טראגען שאנע קליידער טהייערע שמוק, קאסט-בארע ציהרונג, אמאל פאר וואס זייא וואהנען אין ריינע גרויסע הייזער... און אמאל פאר זייער פאמיליענלעבען... אמאל פאר וואס זייא לעבען אבגעזונדערט און אמאל פאר וואס זייא מישען זיך אין קהלשע אינטערעשען... אמאל פאר וואס ביא זייא איז פינסטער... און אמאל פאר וואס ביא זייא שיינט דיא זונן... עס איז זעהר מעגליך דאס יענע יודען אין שפאניע האבען געהאט פעהלער... זייא האבען פארבייזערט דאס פאלק, אבער עמלק אין דער מדבר וואס האט ער גע-האט צו דיא יודען? דארטען האבען דאך דיא יודען ניט געהאט דיא אללע פעהלערן, פאר וואס האט ער מיט זייא מלחמה געהאלטען? צוליעב וועלכען צוועק האט ער געוואלט דיא יודען פארניכטען? — דער פסוק ערצעהלט דאס משה האט געזאגט צו יהושע: בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק (שמות י"ז) ד. ה. שטרייטען געגען אזעלכע שונאים דארף מען האבען „מענשען" און דוקא ארויפשטייגען הויך אויף דיא גראסטע מדרגה „על

ראש הגבעה". און דוקא דיא זונן זאל שיינען, ניט ליגען אין דער פינסטער... יהושע דער תלמיד מובהק פון משה האט נאכדעם אין ארץ ישראל אויך אזויא געטהון. ער האט בעפוילען לעיני ישראל שמש בגבעון דום... (יהושע י׳ י״ב) ליכטיג מוז זיין אויף דער וועלט עד יקם גוי אויביו... דאס איז דיא גרעסטע נקמה...

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

וועהער פיעל אונגליקקען האט דיא יודען גע-טראפען צו ליעב דיא תורה, איינע פון דיא וויכטיגע יודישע צרות איז געווען אין דיא צייטען פון דיא פלשתים. זייא האבען דעם ארון ברית ה׳ צוגענומען, נאכדעם האבען דיא פלשתים געהאט צרות דערפאר (שמואל א׳ ד. ה. ו.) ביז זייא האבען געמוסט דעם ארון ברית ה׳ אבשיקען צוריק צו דיא יודען, ווער האט אזא וויכטיגע וועג דענסטמאל אויסגעטרעטען? שמואל הנביא!

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

צרות און יסורים זיינען פאראן פיעל מינים, אללערלייא זארטען. אמאל ליידעטמען פון פרעמדע

אפענע שונאים, און אמאל פון אנייגענעם גוטען פריינד, וואס פון איהם איז שוועהרליך זיך צו היטען. דארויף איז דוד המלך מתפלל: ה' לי בעזרי ואני אראה בשנאי (תהלים קי"ח ז') דאס הייסט: גאטט היטע מיך „בעזרי" פון מיינע גוטע פריינד, און פון מיינע שונאים וועל איך מיך אליין היטען, דיא תפלה איז זעהער וויכטיג, ערהאבען, דוד האט דיא תפלה געלאזען בירושה זיינע קינדער...

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

דער הייליגער נביא ישעיהו האט געוויס געוואוסט דאס גאטט וויל ניט ליידען מען זאל ריידען שלעכטעס אויף יודען, דאך האט ער געזאגט דיא שארפע ביטערעווארטער „עם טמא שפתים" (ישעיה ו' ה') און ער האט מקבל באהבה געווען דעם „ברען מיט אהייסען קויל" אויף זיינע ליפפען, כדי דיא דורות הבאים וואס וועלען ריידען שלעכטעס אויף יודען זאללען בעשטראפט ווערען מיט אזא שטראף...

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

אגרויסע מהייל יודען האבען פריהער צרות

נאכדעם גוטעס. ווייל דער אנפאנג בריאה איז אזויא געווען, צוערשט „ערב" נאכדעם „בקר" אונ בייא פיעל יודען בייט זיך דיא צייט, גוט – שלעכט. אונ שלעכט – גוט, וויא דער היילינער נביא שטעלט פאר: שמר מה מלילה שמר מה מליל אמר שמר אתא בקר!...

ומעשה אבות סימן לבנים!

* *
*

ווען מיר זאללען דאס אלס גוט ריכטיג אונ קלאהר בארעכענען. דארפען מיר דאנקען אונ לויבען אונזער ליבען גאטט פאר זיינע חסדים וואס ער טהוט היינט מיט אונז יודען אין רוססלאנד, דיא מילדע בארמהערציגע גנאדיגע רעגירונג טהוט מיט אונז גרויסע טובות אונ זעהער פיעל גנאדע, אויך דאס רוסישע פאלק לעבען מיט אונז זעהר פריינדליך, מיר דארפען מתפלל זיין צו גאטט: ער זאלל דיא חסד ניט אבטהון פון אונז מעתה ועד עולם אמן ואמן!

צו דיא געגענווארטיגע הקדמה וויל איך צוגעבען טהייערע תבלין דאס איז אווארעמער פאטעריאטישער ליעד מיט זיין נאממען:

זמר לשמחת תורה

(ש"ח מאת המשורר יל"ג)

1.

לחיים ברידער, לחיים לחיים!
היינט זענען מיר דיא תורה מסים.
היינט הייבען מיר זיא אן נאך אמאל ווידער
דארום לחיים ולשלום לעבע ברידער!
זייט פרעהליך אונ דאנקט דעם גאט דעם ליעבען,
פאר דיא הייליגע תורה אויף פארמעט געשריבען.

2.

דיא הייליגע תורה געשריעבען אויף פארמעט
איז דאך אונזער טרייסט אין אונזער ארמוטה,
אלץ אויף דער וועלט האבען מיר פארלארען.
דער בית המקדש איז חרוב געווארען,
חרוב דאס לאנד וואו מיר זענען געזעסען
אפילו אונזער לשון האבען מיר פארגעססען.
ניטא אונזער מלוכה, ניטא אונזער כהונה.
נור אונז איז געבליעבען אונזער אמונה.
גאט אין הערצען דיא תורה אין דער האנד,
זענען מיר געגאנגען פון לאנד צו לאנד.

פיעל צרות געליטטען, דאך לעבען געבליעבען,
דורך דיא הייליגע תורה אויף פארמעט געשריעבען.

3.

קומט ליעבע ברידער, קומט אהער גיכער:
קומט לאמיר אפענען דיא היסטארישע ביכער,
וואס דערצעהלט די געשיכטע? וואס שרייבען די קראניקעס?
נור רויבער-געשיכטען, מעשיות פון ראזבאיניקעס!
אונזער געשיכטע, אזויא גרויס וויא דיא ערד,
איז ניט מיט אפעדער געשריבען. נור מיט אשווערד,
ניט מיט טינט געשריבען, נור מיט בלוט אונ טרערען,
ניט אין לייפציג געדרוקט, נור אין גלות דעם שווערען,
ניט אין גאלדשניט געבונדען, נור אין קייטען אונ אייזען,
לאז מיר חאטש איינער קומען אונ ווייזען,
וואו האט מען אונז ניט פארפאלגט אונ פארטריבען,
פאר דיא הייליגע תורה אויף פארמעט געשריבען?

4.

נאך גאר אין אנהייב. פאר גאנץ לאנגער צייט,
אז מיר זיינען געוועזען נאך שטיקליך לייט.
וויא בעלי בתים אין דערהיים נאך געזעסען.
אונ אין פרעמדע הייזער קיין טאג ניט געגעסען,
דענסטמאג נאך — אך! זאל דאס ניט טרעפען קיינעם.

וואס מיר האבען אויסגעליטען פון אונזערע שכנים,
ווער רעדט שוין דערנאך. וויא אונזערע יאהרען!
אז דיא שכנים זיינען בעלי בתים געווארען...
און מיר האבען געמוסט ניט גערין באונס
אריינציהען וואהנען ביי זייא אין שכנית
וויא האבען מיר געלעבט וויא זענען מיר געלעגען?
— אך, איהר זאלט שוין בעסער גאר ניט פרעגען!
וויא קאפלעך קרויט וויא אהויפען ריבען —
מיט דער הייליגער תורה אויף פארמעט געשריעבען.

5.

צווייא טויזענד יאהר אקליינינקייט צו זאגען!
צווייא טויזענד יאהר געמאטערט געשלאגען,
זיעבען און זיעבעציג פינסטערע דורות,
געשטאפט מיט צרות געפילט מיט גזירות,
אז איך וואלט נעהמען דערצעהלען יעדע גזרה
וואלט היינט ניט געווען שמחת תורה
נאר דאס דארף איך גאר ניט, עס איז זעהר גוט.
ביי יעדען איינגעשריעבען אין זיין מארך, אין זיין בלוט.
מיר האבען אלץ אויסגעהאלטען, אלץ איבערגעגעבען,
אונזער געלד אונזער כבוד אונזער געזונד און לעבען.
— וויא אמאל חנה איהרע קינדער דיא זיעבען —
פאר דיא הייליגע תורה אויף פארמעט געשריעבען.

6.

אוּנ אִיצְט אִיז שׁוֹין בֶּעססֶער ? לָאזְטְמֶען אוּנְז צוּפְרִידֶען ?
הָאטְמֶען שׁוֹין אַמָאל דֶערְקֶענְט אַז מִיר זַיינֶען יִדֶען,
זֶענֶען אוֹיךְ מֶענְשֶׁען וִויא דִיא אַנְדֶערן ?
וֶועלֶען מִיר נִיט מֶעהְר אִין דֶער וֶועלְט אַרוּם וַואנְדֶערן ?
וֶועטְמֶען זִיךְ אוֹיף אוּנְז מֶעהְר נִיט בַּאקְלָאגֶען ?
דָאס וֵויס אִיךְ נִיט, דָאס קָאן אִיךְ אַייךְ נִיט זָאגֶען —
אֵיינְס וֵויס אִיךְ — עֶס לֶעבְּט נָאךְ דֶער אַלְטֶער גָאט אוֹיבֶּען
דִיא אַלְטֶע תּוֹרָה אוּנְטֶען אוּנ דֶער אַלְטֶער גְלוֹיבֶּען,
דַארוּם זָארְגְט נִיט אוּנ הָאפְט אוֹיף גָאטט דֶעם לֶעבֶּען
אוּנ אוֹיף דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיף פַּארְמֶעט גֶעשְׁרִיעבֶּען.

נָאךְ דֶעם שִׁיר קָאנֶען מִיר זָאגֶען: מְשׁוֹרְרִים! זֶעהְט דֶעם פְּרֶאכְטִיגֶען שִׁיר אוּנ נֶעהְמְט אַייךְ צוּ אַזֶעלְכֶע יוּדִישֶׁע פַּאטֶערְיָאטִישֶׁע שִׁירִים, וֶועט אִיהְר זִיךְ קוֹנֶה שֵׁם זַיין, אַייעֶר נָאמֶען וֶועט בְּלַייבֶּען לְגָאוֹן וּלְתִפְאֶרֶת, דָאס וִוינְשְׁט אוּנ רַאטְה אַייךְ אַ יוּדִישֶׁער פַּאטֶערְיָאט.

שׁר של ים.

א.

דער גרויסער הונגער.

אדער:

אנייער מסחר.

הַכֵּר פָּנִים לֹא טוֹב וְעַל פַּת־לֶחֶם
יִפְשַׁע גָּבֶר. (משלי כ״ח כ״א)

פון דיא יודען וועלכע זיינען פארטריבען געווארען פון שפאניע, זיינען פיעל פון זייא געקוממען מיט שיפפען צו דעם גרענעץ איטאליען, אבער דארט איז אויך געוועזן דער הונגערסנויטה זעהער שטארק, דער שרעקליכער הונגער האט דיא בעוואהנער געדריקט, זייא האבען קיין ברויט געהאט, אונ אין דיא שיפפען וואו דיא יודען זיינען געוועזן האט אשרעקליכער דבר (פעסט) אויסגעבראכען, דיא ארעמע אונגליקליכע יודען האבען ניט געוואוסט וואס זייא זאללען טהון, ענדליך זיינען זייא פון דיא שיפפען אויסגעשטיגען, אבער דיא איינוואהנער פון דיא שטאדט האבען זייא ניט ערלויבט הערײנצוקומען אין זייערע שטאדט, זיינען זייא געגאנגען אין דיא געגענדע פון גענובא (Genua) אונ הגם דארט

איז אויך געווען אגרויסער הונגער, דאך האט מען זייא ערלויבט אין שטאדט אריינצוקומען, אבער דיא קליינע קינדער וואס האבען ניט געקאנט אויסהאלטען און אריבערטראגען דעם הונגער, זיינען זייא געגאנגען אין קירך און זייא האבען זיך צו אנאנדער רעליגיאן בעקענט, כדי מען זאל זייא געבען אשטיקעל ברויט, פיעל פון דיא קריסטען זיינען געגאנגען אויף דיא מארק (אפענע פלאטצער), אין איין האנד האבען זייא געהאלטען אקרייץ, און אין דער אנדער האנד איין שטיקעל ברויט, און זייא האבען געזאגט צו דיא יודישע קינדער — ווען זייא האבען געטראפען — ווען דוא בוקקסט זיך פאר דעם הייליגען בילד, זא בעקומסט דוא ברויט, אויף דעם אופן האבען זיך פיעל געלאזט טויפען און האבען זיך פערמישט מיט דיא נייע חברים, דאס הייסט מיט דעם איבריגען פאלק פון לאנד.

הערת המעתיק:

וויא ריכטיג דער הייליגער מקונן ירמיהו הנביא זאגט: טובים היו חללי — חרב מחללי רעב וגו׳ (איכה ד׳ ט׳) ווייל דער מאגען איז דער גרעסטער אונגליק פאר דעם מענשען, ווען איהם פעהלט וואס ער ברויכט, קאן דער מענש טהון גאטט ווייסט וואס... בייא איהם איז דענסטמאל קיין

זאך ניט צושוועהר צו טהון, נור צו ערפילען דעם ווילען פון זיין מאגען, דער גראסטער מפונק און דער שטארקסטער אסתנים *) טהוט דענסטמאל וויא רבשקה האט זיך אויסגעדריקט אין ישעיהו ל"ו י"ב... דארום דארף יעדער פאטער זוכען מיטלען זיין קינד צו לערנען אמלאכה, ווען דער מענש האט אמלאכה אין זיין האנד, איז ער פילייכט ניט זיכער דאס ער וועט פון זיין מלאכה רייך ווערען, אבער מיט ברויט איז ער געזיכערט, ער געפינט אלע מאל זיין לעבענסמיטעל, אפילו ווען גאטט שטראפט דאס לאנד מיט אהונגער, עס ווערט אלס טהייער, קאן דער בעל מלאכה זיכער זיין דאס פון זיין הויז וועט דער הונגער אנטלויפען **) נור דער מענש דארף לערנען זיינע קינדער אמלאכה נקיה וקלה. דאס הייסט: זיא זאל זיין שאן פאר גאטט און ניט מיאוס פאר לייטען, וויא אונזערע חכמים זאגען, זייא לערנען אונז אכלל אין לעבען: אשרי מי שבניו בושמי (בבא בתרא ט"ז):

---

*) דער מענש וואס קאן אלס אריבערטראגען, ער עקעלט זיך פון קיין זאך ניט, רופטמען איהם „נפש-יפה" און יענער מענש וואס ער איז דער היפך דערפון... רופטמען איהם „אכתנים".

יהלו"ם

**) וויא אונזערע חכמים זאגען: שב שני הוה כפנא יאבבא אומנא לא חליף (סנהדרין כ"ט) דער מיט האבען זייא געוואלט איינפלאנצען אין דיא יודישע הערצער דיא ליעבע צו לערנען אמלאכה.

יח"ם מוח.

ב.

אדאפעלטער שטראף.

אדער:

דעם אמת מעגמען זאגען אויף אנייגענעם ברודער.

אחי בגדו כמו נחל.
(איוב ו' ט"ו)

פון דיא יודען וועלכע האבען זיך בעגעבען נאך דעם געגענד גענובא (גענוע) זיינען דורך דעם הונגערסנויטה געגאנגען נאך רומא, (Rom) צו געפינען רוהע, אבער דיא יודען וואס האבען געוואהנט פון פריהער אין רוים, האבען זיך פערזאממעלט אום זיך צובעראטהען וואס זייא זאלען טהון אבצוהאלטען דיא פרעמדע יודען, זייא זאלען ניט אריינציהען אין רוים זיך באזעטצען. ווייל דיא רוימישע יודען האבען פאר דיא פרעמדע יודען מורא געהאט דאס דורך זייער קומען צו זייא אין שטאדט, וועט דיא פרנסה וועניגער ווערען, ווייל דיא פרעמדע יודען וועלען צונעהמען דיא געשעפטען זייערע מיט זייער נאהרונג (לעבענסמיטעל).

דיא רוימישע יודען האבען צוזאממענגענומען טויזענד גאלדשטיקע. אונ זייא האבען דאס געלד

אויעקגעטראגען דעם פאפסט. געגעבען איהם אלס מתנה (געשיינק) כדי ער זאל יענע יודען ניט ערלויבען אריינציהען אין זיין לאנד זיך באזעטצען.

אבער וויא זייא האבען זייער פערלאנג פארגעטראגען דעם פאפסט. האט ער געזאגט דיא ווארטער: דאס איז פאר מיך עטוואס גאנץ נייעס, דען איך האב געהערט דאס דיא יודען ערבארמען זיך איינער אויף דעם אנדערן, איין יוד שטיצט דעם צווייטען, אבער דיא יודען פון רוים בענעהמען זיך גרויסזאם געגען זייערע ברידער.

דארום האט זיך דער פאפסט בעשלאססען: דאס דיא יודען וועלכע וואהנען שוין, אנגעסט אין רוים, זאלען אויך ארויסגעטריבען ווערען און זייא זאלען מעהר ניט בלייבען וואהנען אין זיין לאנד.

דיא יודען אין רוים האבען געמוסט צוזאמענברינגען נאך צוויא טויזענד גאלדשטיקע אום דעם פאפסט צו געבען כדי ער זאל זייא ניט צעפען און ער זאל ערלויבען דיא פרעמדע יודען צוקומען אין דער שטאדט, און אזויא איז געוועזען.

דיא ארעמע פארטריבענע פרעמדע יודען האבען גענאססען פון דיא אללע גוטעס וואס זיינען פאראן אין לאנד.

הערת המעתיק:

דיא ספרי קדש אונ דיא היסטארישע ביכער (ספרי חול) צייכנען זיך אויס אין איין פרט גלייך, ווען איינער איז חלילה קיין מאמין אין דיא ספורים פון תנ"ך, ער זאגט למשל: אז דוד המלך'ס גוטע פריינד האבען ערצעהלט אונ געשריעבען פון איהם „ספורים" אלס צום גוטען, כדי איהם צו שמייכ'לען, קאן מען איהם ענטפערן: זיהע וויא ניט לאגיש דוא רעדסט, אדער בעססער געזאגט: וויא פאלש דוא אורטהיילסט, אבעוויז איז אז אללע ספורים זיינען אמת קאנסט דוא זעהען פון דיא ספורים וואס יענע היילינע שרייבער האבען פון איהם געשריעבען אויך פון דער שלעכטע זייטע, למשל: דער ספור פון „אוריה החתי מיט בת-שבע", דיא זעלבינע געפינען מיר ספורים אין תנ"ך דאס דיא תורה הקדושה האט אלס ריכטיג ערצעהלט אזויא וויא פון דער גוטער זייט אזויא פון דער שלעכטער זייט, למשל: דיא תורה ערצעהלט דעם חטא פון אדם הראשון, דיא רציחה פון קין, דיא עולה פון דיא שבטי יה וואס זייא האבען זייער אייגען ברודער פארקויפט, אונ נאך מעהר אונ גראססער איז צו בעוואונדערן דאס אפילו פון דעם אדון הנביאים, משה רבנו, קוים האט ער געמאכט אקליינעם פעהלער ביי דיא „מי מריבה", האט דיא תורה איהם ניט געשוינט זיא

האט ניט פארשוויגען און זיא האט זיין חטא מגלה געווען ברבים, קאנען מיר דערפון פארשטיין אז דיא גוטע מעשים וואס דיא תורה ערצעהלט פון „אלף ביז תיו" איז אלס אמת, דיא זעלביגע דארפען מיר בעטראכטען אהיסטארישען ספר, ווען ער שרייבט נור דעם אמת, מוז ער זיין אונפארטייעש, ער דארף ערצעהלען דיא גוטע מעשים, אויך דיא ניט גוטע ספורים, און קיין מענשען פערשוינען, אלס ענדעקען אפפען למען ידעו דורתינו... אט אזויא האט געטהון דער מחבר פון „שבט יהודה". קוים האט אמאל געטראפען דאס אידישע קהלה (געמיינדע) האט געמאכט אפעהלער, עטלעכע יודען זיינען געווען הארטנאקיג געגען ארעמע פארטריבענע אונגליקליכע יודען זייערע ברידער, עטלעכע יודען האבען געהאנדעלט טיראניש און דום געגען זייערע ברידער געגאססען, האט דער מחבר פון „שבט יהודה" ניט פארדעקט דיא נארעשע טיראנסטווא, ער האט ערצעהלט אקוראד וויא דאס האט פאסירט, דערפון קאן מען פארשטיין אז דער „שבט יהודה" איז אריכטיגער היסטארישער ספר וואס אללע קלאססען מענשען: רבנים, צדיקים, מגידים, חסידים א. ז. וו. מעגען איהם לעזען, איינבינדען איהם און האלטען, אוועקשטעלען, צווישען דיא טהייערסטע הייליגסטע ספרים, אפילו דיא מפרשי התלמוד ערינערן איהם אין זייערע

חידושים, און בריינגען פון איהם ראיות, איז דאך אסמן אז זייא האבען איהם גערעכנט פון דיא עהרליכע יודישע ספרים און זייא האבען איהם געגלויבט וואס ער שרייבט. דאס הויפט דארפען (ברויכען) זעהר שטארק נאטהוועדיג דיא פרויען און יונגע מענשען לעזען דעם ספר „שבט יהודה", כדי זייא זאלען זעהען וויא יודען בכלל האבען זיך אללע מאל מוסר נפש געוועזען אויף קדוש השם און וועלען דאנקען גאטט דאס אין אונזערע צייטען האט אויפגעהערט דיא אלטע פערפאלגונגען אזויא וויא איך האב ערקלעהרט קורץ און דייטליך אין דיא הקדמות פון ספר „שבט יהודה השלם" אין דיא ערשטע חלקים און אין „נדחי ישראל". —

אויך זעהען מיר פון דעם ספור (הגם דאס איז שוין קיין נייעס) דאס אונזערע חכמים זאגען זעהר ריכטיג: כל מזונותיו של אדם קצובין לו וכו' (ביצה ט"ז) דאס הייסט: וויפיעל איינעם איז באשערט, בעשטימט צו זיינע הוצאות (אויסגעבען) אזויא פיעל פארדינט ער, אט האבען דיא נייע פרעמדע יודען אין רוים אויך וויא אללע זייערע ברידער גענאססען פון דיא אללע גוטעס וואס זיינען געוועזען אין לאנד, און דערמיט האבען זייא ניט פארקלענערט דיא פרנסה פון דיא אלטע יודישע איינוואהנער, וויפיעל איינעם איז געוועזען באשערט האט איהם גאטט צו-געשיקט צו פערדינען, און באמת געזאגט היד ה'

תקצר? ביא גאטט איז פאראן גענוג, ער קאן יעדען מענשען איינטהיילען זיין חלק וויא ער פאר־דינט, און וויפיעל איהם איז באשערט.

נאך אמערקווירדיגע חאראקטעריסטיקע זעהען מיר פון דעם פאריגען קאפיטעל, נאמליך: קיין מענש זעהט אויף זיך אפעהלער, נור ווען יענער מאכט אפארזעהען, אפארברעך, א אונרעכט, דער־זעהט דאס יענער באלד, און איהם פארדריסט, ער קאן קיין עולה ניט זעהען, אט וויא דעם פאפסט איז נור פארגעטראגען געווארען דיא אונ־ערבארמליכע ביטע פון דיא יודען, האט איהם באלד שטארק פארדראסען, ווארום דיא יודען זיינען אונערבארמליך געגען זייערע ברידער. און דער פאפסט? ער אליין? איז ער דען ניט אויך אזויא גוט וויא אברודער? האבען מיר דען ניט אלע מענשען איין גאטט, איין פאטער? ווארום זאל איינער דעם צווייטען שלעכטעס טהון? וואלט דען ניט זיין בעסער, שאנער, געזינדטער און גלייכער דאס אלע מענשען זאלען לעבען ברידערליך, זיטצען צוזאמען בשלום ובשלוה וויא גאטט און דיא גוט הערציגע מלכים פערלאנגען! נור יעדער מענש אויף זיך איז שוועהרליך צו זעהען אפעהלער. דערפאר זאגען אונזערע חכמים אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים, ק״ו קטנים לגדולים (ר״ה כ״ה) וויל אגרויסער וויכטיגער קלוגער געבילדעטער מענש

קָאן אויךְ אַמָאל הָאבֶּען אַטָעוּת און מַאכֶען אַפֶּעהְלֶער, אַפֵּארְזֶעהֶען... וָואס גְרַאדֶע אַקְלֶעגֶערֶער מֶענְש וִויא עֶר דֶערְזֶעהְט דָאס בֶּעסֶער. און אויף דֶעם מֵיינֶען דִיא חֲכָמִים וָואס זָאגֶען לא נתנה תורה למלאכי השרת (ברכות כ"ה. קדושין נ"ד• מעילה י"ד).

ג.

דֶער אונבֶּעוָואהְנְטֶער אִינְזֶעל.

אָדער:

דִיא יוּדֶען און דִיא לֶאוֶוען.

נַפְשִׁי בְּתוֹךְ לְבָאִים.

(תהלים נ"ז ה')

אויף אֵיין שִׁיפְף וֶועלְכֶע דָארְטֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען פוּן דִיא פַּארְטְרִיבֶּענֶע יוּדֶען *) אוּיס שְׁפַּאנְיֶע הָאט גֶעוָואלְט דֶער שִׁיפְפְסְהֶערר זֵייא הַרְגֶענֶען, כְּדֵי

---

*) אִין סֵפֶר „אוֹר הַחַיִּים" לְהֶחָכָם הֶחָסִיד כ"מ יוֹסֵף יעבץ שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען: שלש מאת אלף יהודים נגרשו מארץ ספרד על עזבם את תורת ה'.

יהלו"ם

צונעהמען פאר זיך זייער פארמעגען. אבער אויף יענער שיפף איז געוועזן אקויפמאן, ער האט געזאגט צו דעם שיפפסהערר דאס עס איז אגרויסע זינדע צו פארגיעססען אונשולדיגע בלוט, דער אכזר (דער פארפלוכטער שאנדליכער שיפפסהערר) האט איהם געענטפערט: דאס ער מיינט נור צו נעהמען נקמה פון דיא יודען פאר וואס זייא האבען אמאל פארגאססען אונשולדיגע בלוט... דער קויפמאן אבער האט בעמערקט: דאס יענע טויטע האבען זייא מוחל געוועזן אויף זייער בלוט וואס איז דורך דיא יודען פארגאסען געווארען, כדי דער מין האנושי (מענשען געשלעכט) זאל ניט וועניגער ווערען, און דוא ווילסט זייא ניט מוחל זיין? מיין עצה איז: דוא זאלסט זייא אויף איינע פון דיא אינזעלן אויסזעטצען, אויב זייא וועלען דארט שטארבען, זא שטארבען זייא, וועניגסטען וועסט דוא דיין האנד אויף זייא ניט לייגען. דוא וועסט זייא מיט דיין אייגען האנד ניט טאטען.

דער גרויזאמער שיפפסהערר האט צוגענומען ביא דיא יודען אלץ וואס זייא האבען געהאט, נאכדעם האט ער זייא ארויסגעצויגען פון שיפף און ער האט זייא געלאזען נאהנט פון אשפיטציגען שטיין (פעלזענריפף) ביא דעם ברעג ים, (אופער דעם מעערעס), אויף אין ארט וואס קיין מענש

וואהנט דארט און קיינער האט דארט קיין מאל ניט בעטרעטען.

פון דיא ארעמע אונגליקליכע יודען וועלכע זיינען דארט אויסגעזעטצט געווארען, איז נאך קיין איינציגער פון זייא זיך אויפגעהייבען פון זיין ארט און שטעלע מחמת בושה (שאמגעפיהל), ווייל זייא זיינען אלע געוועזען נאקעט, דער שיפסהערר האט בייא זייא אלס צוגענומען און האט זייא אלעמען אבגעצויגען דיא קליידער, נור בייא נאכט אין דער פינסטער זיינען זייא געגאנגען בייא דעם ברעג ים זוכען וואסער, זייא האבען דארט געפונען גריבער וועלכע אין זייא איז געוועזען זיסע וואסער, האבען זייא יענע וואסער געטרונקען.

אויף דעם אופן (דיעזע ווייזע) האבען זייא דרייא טאג פארבראכט, אם ענדע פון דריטען טאג האבען זייא געזאגט איינער צו דעם אנדערן: לאמיר אויף דעם שפיטץ — שטיין ארויפשטייגען און פון דארט וועלען מיר קאנען זעהען, אויב עס איז פיליייכט פאראן איין בעוואהנטער ארט, אדער פיליייכט געפינט זיך ערגענד איין דארף, מיר זאלען דארט קענען בלייבען לעבען.

מיט גרויס מיה און אנשטרענגונג זיינען זייא ארויפגעשטיגען אויף דעם פעלזענריף, אבער ווייא זייא זיינען אהין געקומען אום רעכטונג צו זוכען,

האבען זיא דארט געפונען האהלען וואס דארט האבען געוואהנט (געלעגען) לאווען.

ווי דיא לאווען האבען דערזעהען אזעלכע באשאפעניש, זיינען זיא צוגעשפרונגען אונ זיא האבען איינעם פון דיא יודען צוריסען, דיא אנדערע יודען האבען זיך פון דארט אראפגעווארפען אונ זיא זיינען צערשמעטערט געווארען, דיא ארעמע יודען וועלכע האבען ערווארטעט רעטונג, זיינען אריינגעלאפען אין ים, כדי נצול צו ווערען פון דיא לאווען. אונ אז דיא לאווע האבען צוריקגעקעהרט פון זייער לויערין אין זייערע האהלען, האבען דיא יודען צוריקגעקעהרט פון ים אויף דער יבשה, אט אזא שרעקליכען לעבען האבען זיא צוגעבראכט פינף טאג.

נאך דיא פינף טאג, האבען זיא דערזעהען א שיפף קומט אן ניט ווייט פון דעם אינזעל, יענע מאנער פון שיפף האבען פון ווייטען דערזעהען דיא יודען, האבען זיא זיך שטארק געוואונדערט, ווייל זיא האבען געוואוסט דאס אויף יענעם ארט זיינען קיין מאל ניט געוועזען מענשען, אונ דער ארט איז ניט צום אברוהען, דער שיפפסהערר האט געשיקט איין מענשען פון זיינע לייטע דארטהין זעהען אונ צו ערפאהרען דעם ענין, יענער איז דארט געקומען אונ דיא אונגליקליכע יודען האבען איהם ערצעהלט וואס מיט זיא האט זיך פאסירט, ער האט

געהאט מיט זייא גרויססע מיטלייד און ער האט זייא געבראכט אויף דעם שיפף.

דער שיפפסהערר האט גענומען אגרויסע שטיק זעגעלטוך און האט צערשניטטען און האט יעדען געגעבען אשטיק טוך צו בעדעקען זיין „שאם", דיא פרויען אבער האט ער געגעבען יעדערע אגאנצע העמד, וייל ער האט געהאלטען פון צניעות, אויך האט ער זייא געגעבען עסען און טרינקען, און נאכדעם אז ער איז מיט דיא שיפף געקומען צו אנ'ארט וואו יודען וואהנען, האט ער זיינע יודען געלאזט אויסשטייגען פון שיפף, דיא ארעמע יודען האבען געגלויבט דאס ער וויל זייא פארקויפען פאר קנעכט, האבען זייא געשיקט א שליח צו דיא דארטיגע יודען דאס זייא זאלען קומען מקיים זיין „פדיון שבוים". זייגען דיא פארשטייער פון יענע יודען געקומען צו דעם שיפפסהערר אויסלייזען דיא יודען, ער אבער האט יענע יודען ערקלעהרט מיט דיא ווארטען: איך האב דיא ארעמע יודען ניט בעזיעגט מיט מיין שווערד, ברויך איך פאר זייא קיין לאזעגעלד ניט נעהמען, עס וועט זיין גענוג פאר מיר דאס איהר וועט מיר בעצאהלען נור דיא אומקאסטען, וועלכע איך האב פאר זייא געמאכט, יענע יודען האבען איהם זאפארט בעצאהלט דיא רייזע קאסטען און זייא האבען איהם געגעבען מתנות, דיא דארטיגע יודען האבען געגעבען דיא אורחים

עסען און טרינקען, וויא דער שטייגער איז בייא יודען און דיא ארעמע יודען וויא לאנג זייא האבען געלעבט, האבען זייא געבעטען גאטט פאר דעם שיפסהערר. ער זאל איהם געבען לאנג לעבען און געזונד, און זייא האבען מתפלל געוועזען צו גאטט אז ער זאל איהם פיעל גוטעס בעלאהנען פאר זיינע חסדים מיט זייא.

הערת המעתיק:

דיא השגחה פרטית זעהען מיר פון יעדער זאך אויך פון דעם פאריגען ספור, וועלכען יודען עס איז געוועזען בעשטימט צו שטארבען דורך אחיה רעה, איז ער צוריסען געווארען דורך דיא לאווען, און ווען עס איז געוועזען באשערט געהרגת צו ווערען, איז ער אראפגעפאלען פון פעלזענריפף און ער איז צערשמעטערט געווארען, נור ווען עס איז געוועזען בעשטימט צו לעבען איז ער געראטעט געווארען. ער האט אקליינע ווייל געהאט צרות און גרויסע יסורים, טויט שרעקניש, ווייל אזויא איז איהם געוועזען בעשטימט פון דיא השגחה העליונה, נאכדעם איז ער געקומען אין אזיכערן ארט צו זיינע רעליגיאנס-ברידער און האט געפונען זיין מנוחה. ער איז געזעסען בשלוה ביז זיין מאס איז פול געווארען און ער האט בעדארפט פון דאס נייא האבען אכפרת עון ופשע... והוזר חלילה...

אויך זעהען מיר פון דעם ספור אז מען דארף ניט אורטהיילען איינעם פון דעם אנדערן, אט וויא גרויס דיא רציחה איז געוועזן פון דעם ערשטען שיפסהערר, אזויא גרויס איז געוועזן דיא חסד פון דעם צווייטען שיפסהערר, אונ דיא יודען זיינען אלע מאל דאנקבארע מענשען, מיט וואס זייא קאנען יענעם דאנקבאר זיין, דאנקען זייא איהם, מיט געלד, מיט תפלה, אונ מיט אלע מעגליכקייט — .

ד.

דיא שרעקליכע נקמה.

אדער:

ווען שטארבען זאלען אלע צוזאמען.

תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם פְּלִשְׁתִּים.
(שופטים ט״ז ל׳)

אין איינע פון דיא שטאדט דייטשלאנד׳ס האבען זיך דיא כריסטען ערהויבען, זייא האבען געלאזט דיא יודען צוזאמענקומען אונ האבען זייא ערקלאהרט: אויב זייא וועלען אין דרייא טאג צייט איבערגיין צו דיא כריסטליכע רעליגיאן איז גוט, אונ אויב זייא וועלען דאס ניט טהון, זאלען זייא וויסען אויף גע-

וויס, דאס זייא וועלען אלע אהנע רעטונג שטארבען דורך דעם שווערד, קיינער פון זייא וועט ניט נצול ווערען.

דיא יודען האבען דאס געהערט, האבען זייא זיך אלע פערזאמעלט מיט זאק אויף זייערע לייבער אונ מיט אש אויף דעם קאפף, זייא האבען געפאסט אונ געבעטען גאטט—.

נאך דרייא טאג צייט האבען זייא געזעהען דאס גאטט האט זייא ניט געענטפערט, פון הימעל זיינען זייא ניט געהערט געווארען, האבען זייא אלע איינגעשטימט צו שטארבען, אבער דיא יונגע מענשען האבען געזאגט: צוערשט מוזען מיר אונז נוקם זיין אן אונזערע פיינדע, נאכדעם וועלען מיר שטארבען, דערמיט וועלען מיר הייליגען דעם גרויסען נאמען פון גאטט (מקדש השם זיין).

אויף מארגען פריה האבען זיך אלע כריסטען פערזאמעלט אין ראטהויז וואו זייערע שופטים (ריכטער) זיטצען, זייא האבען דארט געווארט ביז דיא יודען וועלען צו זייא קומען, אום זיך צו בעקעהרען צו דעם כריסטענטהום, אונ דאן וועט יעדער כריסט נעהמען צו זיך נאך הויז איין יודען, כדי איהם צו לערנען דאס כריסטליכע רעליגיאן אונ איהם דיא הויפטלעהרע צו אונטערווייזען.

איינינע יודישע יונגע—לייט האבען זיך אויפגעמאכט, אנגעגירטעלט זייער שווערד אונטער

זייערע קליידער, און זייא זיינען אוועקגעגאנגען צו דעם איינגאנג פון ראטהויז און האבען ניט געלאזען קיין איינציגען כריסט ענטרינען, זייא האבען אלע כריסטען געהרגת.

עהדער (בעפאר) זייא זיינען דארט געגאנגען, האבען זייא געהייסען זייערע פרויען דאס זייא זאלען אין אלע פיער עקען פון דער שטאדט אונטערצינדען.

דיא פרויען האבען אזוי געטהון, זייא האבען דיא גאנצע שטאדט אונטערגעצונדען און אזוי וויא אלע כריסטען זיינען געווען אין ראטהויז, איז ניט געווען ווער עס זאל דעם בראנד אבלאשען, איז דיא גאנצע שטאדט פארברענט געווארען מיט דיא יודען צוזאממען, עס איז פון זייא ניט געבליעבען אשריד ופליט.

דעם ספור האב איך (דער מחבר פון ספר „שבט יהודה") געהערט פון דאס מונד איינעם גרויסען דייטשען געלעהרטען וואס איז געקומען אלם שליח (געזאנדטער).

הערת המעתיק:

גרוים איז דיא נקמה, זיא שטעהט געשריעבען צו וויסען גאטטעס צוויי נאמען, וויא דער פסוק זאגט: אל נקמות ה' (תהלים צ"ד א') און הגם דיא נקמה איז שטריינג פארבאטען פון דער תורה, נור אין מאנכע בעציהונג איז זיא ערלויבט, וויא מיר

געפינען אין דער תורה, נביאים, און כתובים, אין דער תורה שטעהט נקם ינקם (שמות כ"א כ') אויך זאגט דער פסוק: אשיב נקם לצרי וגו' ונקם ישיב לצריו (דברים ל"ב) אין נביאים: נקמתי בכם (שופטים ט"ו) ואנקמה נקם אחת (שם ט"ז) אין כתובים: אל נקמות ה' (תהלים צ"ד), דאס הייסט איז דיא נקמה זיס ווען יענער ווייסט געוויס, דאס זיין שונא וועט איהם באלד טאדטען אהן אשום אורזאכע און וועט צו-נעהמען זיין פארמעגען, דענסטמאל ווען ער קאן זיין שונא צו ערשט הרגנען, טהוט ער דאס אהן ארעכנונג, עס דוכט זיך איהם דאס ער וועט שטארבען רוהיגער, דיא שמערצען וועלען עפעס לייכטער, גרינגער ווערען, ער זאגט תמות נפשי עם—פלשתים!!!*)

ברוך המקום! געלויבט און געדאנקט איז דער בורא ברוך הוא דאס מיר יודען אין רוסלאנד האבען קיין מאל ניט בעדארפט און דארפען היינט אויך ניט געברויכען אזא נקמה, ווען איינער זאגאר בע-ליידיגט אידען, בעשטראפט איהם דיא מילדע

*) אונזערע חכמים זאגען: אלמלא נגדוה לחנניה מישאל ועזריה הוו פלחי לצלמא (כתובות ל"ג) אויב אזויא זיינען דיא יודען אין שפאניה געווען פיעל גראסערע גבורים וויא יענע צדיקים... זייא האטמען געפייניגט און זייא זיינען געבליבען בייא זייער אלטען גלויבען.

יה"ם מוח.

רעגירונג לויט געזעטצע וויא ער וואלט בעליידיגען אכריסטען, איין דין איז פאר אלע רוסישע איינ-וואהנער, פאר דעם יודען און כריסטען אהן א שום אונטערשייד.

ברוך משנה עתים ומחליף את הזמנים!

ה.

דער יודישער גבור.

אדער:

דער שייטערהויפען.

כויה תחת כויה.

(שמות כ"א כ"ה)

אויך האב איך (דער מחבר פון שבט יהודה) געהערט פון דאס מויל פון אמקובל (קאבאליסט) און אחכם (געלעהרטער) וועלכער איז געקומען אויס פראנקרייך: דאס אין איין שטאדט וואס זיא ווערט גערופען בודון (Beaudun) האבען דיא דארטיגע כריסטען זיך בעשלאסען צו טהון אזא זאך: זייא האבען אנגעצונדען אבוקה של שעוה (וואקס קערץ) און האבען אוועקגעשטעלט אויף דעם

מארק אין יענער שטאדט אונ האבען געלאזט אויסרופען: דאס יעדער יוד וואס וועט קומען זיך לאזען טויפען עהדער דער וואכבקערץ וועט ווערן אויסגעברענט, וועט מען איהם אנעהמען, אבער דער יוד וואס וועט ער"שט נאכהער זיך איינפינדען, זאל פארברענט ווערען. אלע יודען אבער האבען מקדש השם געוועזן, (זייא האבען געהייליגט גאטעס נאמען) אונ זייא מיט זייערע פרויען אונ קינדער זיינען פארברענט געווארען.

אונטער דיא יודען האט זיך געפונען א גבור חיל אונ אחכם. ער איז געוועזן אנ'אויסגעצייכענטער מאן אונ דערצו איז ער געוועזן בעליעבט בייא דעם פירסט פון דער שטאדט, דער פירסט האט געלאזט רופען דעם יודען צו זיך אונ האט פון איהם פער־לאנגט דאס ער זאל זיך לאזען טויפען, דאן וועט ער איהם געבען כבוד אונ שררה (אויסצייכנונג) וואס אזעלכע איז נאך קיין מאל ניט געהערט געווארען. דער יוד אבער האט איהם געענטפערט וועלכע כבוד קאנסט דוא מיר געבען עס זאל קאנען גלייך זיין צו דעם כבוד וואס דער אדון הנשמות (העררדער זעלען) וועט מיר ערוויזען ווען איך וועל מיך ניט לאזען טויפען? ! — אויף זיין אנטווארט האט דער פירסט זעהר געצירנט אונ האט אנגעפאנגען לאסטערן אונ שימפפען איהם מיט זיין גלויבען, דער יוד האט געזעהען כי כלתה

אליו הרעה, דאס הייסט: ער איז אונגליקליך אונ קאן מעהר קיין רעטטונג פינדען, האט ער שפּאטער צו איהם געזאגט: הגם איך בין ניט געזאגען זיך צו טויפען, נור עס קאן מעגליך זיין ווען איך וועל זעהען דעם גרויסען פייער וועלכען דוא וועסט מיר דארט פארברענגען, וועל איך בעקומען אגרויסע מורא (פורכט) אונ איך וועל מיינע מיינונגען (געדאנקען) איבערבייטען (אומענדערן), דעסהאלב זאלסט דוא, מיין העדר אונ פירסט, בעפעהלען, דאס מען זאל אויף דעם מארק מאכען אגרויסען פייער, אונ דוא זאלסט מיך בעגלייטען נאהענט ביז צום פייער, פיליכט וועט גאטט מיר דאן אין מיינע געדאנקען אריינשיקען אגוטען ווילען איך זאל דיין פערלאנג ערפילען.

— דיא זאכע געפאלט מיך זעהער — האט דער פירסט געזאגט — אונ ער האט באלד בעפוילען: דאס מען זאל אויף דעם מארק מאכען אגרויסען פייער אונ ער האט דעם יודען בעגלייטעט ביז יענעם ארט וואו דער פייער האט שטארק געברענט.

וויא דער יוד האט געזעהען דאס זייא זיינען ניט ווייט פון פייער (Scheiterhaufen) האט ער ערגריפען דעם פירסט מיט גרויס גבורה, דען דער יוד איז געוועזן אשטארקער מאן, אגרויסער גבור (העלד) אונ האט דעם פירסט אריינגעווארפען אין פייער אונ זיך אליין

אויך, און זיי בּיידע זיינען צוזאמען פארברענט געווארען.

הערת המעתיק:

דער פירסט האט אדאפּפּעלטען טויט פערדינט ערשטענס: וויא דער פּסוק זאגט: נפש תחת נפש, (שמות כ"א כ"ג) און אונזערע חכמים זאגען: ווען איינער ווייסט געוויס דאס יענער וויל איהם הרגנען, מעג ער יענעם פריהער הרגנען *) צווייטענס: דער פירסט האט געלאסטערט און געשימפּפט דעם יודישען רעליגיאן, אט זעהט, ליעבע לעזער, אין דיא געבענשטע לאנד רוסלאנד, ווען איינער זאל חלילה לאסטערן דעם צווייטענס גלויבען, ווערט ער דערפאר געוויס הארט בעשטראפט ווערען, און דאס זאגען מיר נור בּלשון משל, ווייל אין רוסלאנד קאן גאר אזא נבלה ניט טרעפּפען, ווייל אלע רוסען זיינען טאלעראנט, קיין איינציגער רוסי האט נאך קיין מאל ניט פערראכטעט אפרעמדען גלויבען, אין געגענטהייל, ער פערלאנגט דאס יעדער מענש זאל זיין גלויבען שעטצען, אכטען און האלטען טהייער און הייליג, אבּעוויז דערצו זעהען מיר: ווען איינער זאל חלילה שווערען פאלש, ער מעג זיין פון וועלכען גלויבען ער איז און שווערען אויף וועלכען

*) בא להרגך הסכם להרגו (מדר"ר במדבר פרשה כ"א.

לשון ער וויל — ווערט ער הארט בעשטראפט ווערען פון דיא רעגירונג — דעם יודישען סאלדאט גלויבטמען אויף זיין שבועה, יעדער סאלדאט מוז שווערען נאך דעם נוסח פון זיין רעליגיאן,

מי יתן, ווער וואלט געבען, דאס אלע פאלקער פון דער גאנצער וועלט זאלען האבען חקים טובים וישרים וויא אין רוסלאנד זיינען פאראן, דענסטמאל וואלט אנייע קלאהרע ליכט אויפגעשיינט פאר דיא יודען אין אלע לאנדער, עס וואלט געוויס מקוים געווארען דיא רייד וואס דער הייליגער נביא זאגט ברוח קדשו: לא ירעו ולא ישחיתו בכל־הר קדשי, כי־מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים (ישעיה י״א ט׳) מיר בעטען גאטט, דאס מיר זאלען דער־לעבען דיא גוטע צייט במהרה בימינו אמן ואמן!.

ז.

דיא שחיטה אין שול.

אדער:

דער בארג אלס קברות־מאן.

אם יהרג במקדש ה' וגו',
טבחת לא חמלת.
(איכה ב' כ' כ"א)

אין א שטאדט פון דיא קאניגרייך דייטשלאנד, האט מען אנייע גזירה גוזר געוועזן: דאס אלע יודען — אין אצייט פון דרייא טאג — זאלען זייא וועכסלען זייער גלויבען, אונ אויב זייא וועלען דאס ניט טהון, וועלען זייא אלע פארברענט ווערען.

דיא אֶרעמע יודען האבען זיך אלע פערזאמעלט אונ זייא האבען דרייא טאג געפאסט, ניט געגעסען, ניט געטרונקען, אונ זייא האבען זיך בעשלאסען (באלד אין אנפאנג ביי דיא ערשטע פערזאמלונג) ווען זייא וועלען אין דיא דרייא טאג ניט געהארט ווערען (דאס הייסט: ווען דיא גזרה וועט ניט בטל ווערען) זאלען זייא אלע זיך פערזאמלען (צוזאמענקומען) אין שול אונ דארט זאלען זייא זיך איינער דעם

אנדערן שלאכטען (קוילען) כדי זייא זאלען לכל הפחות (אום וועניגסטען) ניט שטארבען דורך זייערע שונאים׳ס האנד, ווער אבער עס וועט ניט האבען אזא שטארקע הארץ דאס צו טהון, זיך זעלבסט אדער דעם אנדערן צו שלאכטען זאל ביטען דעם שמש פון שול (געמיינדע-דיענער) דאס ער זאל איהם שלאכטען.

און אזויא איז געוועזען:

זייא האבען זיך פערזאמעלט אין שול, אלע מאנער מיט זייערע פרויען און קינדער, צו ערשט האבען זייא געשלאכטעט זייערע פרויען, נאכדעם זייערע קינדער, און נאכהער האבען זייא איינער דעם אנדערן געקוילעט, ביז דער שמש איינער אליין איז איבערגעבליבען. ער האט זיך אליין מיט זיין מעסער אין האלדז אריינגעשטעקט און ער איז געשטארבען.

אויף מארגען, דאס איז געוועזען מיטוואך, זיינען די כריסטען געקומען אין די יודישע הייזער אום צו ערפאהרען וואס זייא טראכטען צו טהון, זייא האבען אבער קיינעם ניט געפונען, קיינע מאנער, קיינע פרויען, און קיינע קינדער, אלע יודישע הייזער זיינען געוועזען לעער (ליידיג) אהנע מענשען *)

*) די יודען האבען געוויס אלע זייערע חפצים פערניכטעט. יהלו״ם.

זיינען די כריסטען געגאנגען אין שול און דארט האבען זיי געפונען אלע יודען ליגען געשלאכטעט און טויט. די כריסטען זיינען באלד געגאנגען צו דעם קאניג און האבען איהם געמעלדעט וואס עס איז פארגעפאלען. דער קאניג האט בעפוילען: מען זאל זיי, די טויטע יודען, ניט באגראבען, נור אוועקווארפען זיי אויף דעם פעלד, כדי הונדע זאלען זיי פרעסען.

איינינע דייטשע יודען האבען בקבלה (מונדליכע איבערליפערונג) דאס אבארג האט זיי אלעמען בע־דעקט און אויף דעם אופ'ן זיינען זיי בעגראבען געווארען.

דער זכות פון די און פון אנדערע קדושים זאלען ביישטעהען אלע יודען אין אלע ערטער וואו זיי געפינען זיך אין. אמן.

הערת המעתיק:

אלעם וואס ווערט געבארען: מוז ווערן פאר־לארען, אלע מענשען מוזען שטארבען, נור אטויט צו אטויט איז ניט גלייך, אונזערע חכמים זאגען: התתק"ג מיני מיתה נבראו בעולם שנאמר למות תוצאות. „תוצאות" בגימטריא הכי הוה. קשה שבכלם אסכרה, ניחא שבכלם נשיקה (ברכות דף ח')

דאס הייסט: ניין הונדערט מיט דריי (903) ארטען מיתות זיינען בעשאפען געווארען אויף דער וועלט.

איינער קוועלט זיך מיט גרויסע יסורים, עהדער ער שטארבט. אונ איינער שטארבט גרינג, וויא מען נעהמט ארויס אהאר פון מילך, דער שטארבען איז ניט גלייך, למשל: ווען מען זעהט אמארדער, אגזלן קומט מיט אהאק אדער אנאנדער געוועהר אין זיין האנד, ער וויל צונעהמען זיין לעבען, דער שרעק דאס צו זעהען איז ערגער ביטערער אונ שרעקליכער וויא דער טויט אליין, אבער וויא רוהיג איינער שטארבט ווען ער נעהמט אמעסער אין זיין האנד זיך צו שלאכטען פאר אהייליגע אידעע, אין דער צייט וואס ער ווייסט דאס זיין שונא וועט איהם באלד שלאכטען מיט דיא גראסטע רציחה, ער טרייסט זיך דאס גאטעס רצון איז ער זאל זיין אקרבן אויף דעם מזבח הדת. דאמאלסט אין אזא שרעקליכע לאגע, אין אזעלכע טרויעריגע מינוטען איז אזויא: ביז ער שניידט זיך איין אין האלדז האט ער קיינע שרעק אונ קיינע יסורים, אין געגענטהייל, ער טרייסט זיך דאס ער וועט האבען עולם הבא, אונ דיא גוטע האפנונג שטארקט איהם ער זאל פאר דיא יסורים גאר קיין מורא ניט האבען, קוים האט ער זיך שוין איינגעשניטען אין האלדז, פיהלט ער שוין גאר ניט, ער פארליהרט זיינע חושים, ווייל זיין נשמה פליהט ארויף אין הימעל צו דעם ארט וואו זיא איז גענומען געווארען.

אזא קידוש השם קאן אין רוסלאנד קיין מאל

נים פארקומען, איד אין רוסלאנד קאן נים קומען צו אזא נסיון צו ווערען א „קרבן עולה" אויף דעם מזבח הדת. ווייל אזעלכע מזבחות זיינען אין רוסלאנד קיין מאל נים געוועזן, און עס איז נימא, און מיר האפען צו גאטט און צו דיא חסדי הממשלה הרוממה אז אזעלכע מזבחות ווערען אין רוססלאנד קיין מאל נים געבויט ווערען, אונזער בארמהערציגער גנאדיגער קיסר ניקולי השני זאל מאריך ימים ושנים זיין. געהט אין דיא אויסגעטרעטענע וועג וואס זיינע הייליגע עלטערן זכרונם לברכה האבען אויסגעטרעטען, דער רוח הסבלנות (טאלעראנץ) אין רוסלאנד ווערט אימער גראסער און נים קלענער, מיר קאנען און דארפען האפען אויף פיעל גוטעס.

פון אונזערע פריהריגע רייד זאלען דיא לעזער קיין טעות חלילה נים האבען און מיינען, גלויבען, אז מיר שטימען איין מיט דיא אידעע פון יענעם אונגליקליכען וואס טהוט אזא שרעקליכע זאך צו זיין א מאבד עצמו לדעת (זעלבסט מערדער), ניין, בפה מלא פראטעסטירען מיר געגען דעם שענדליכען טהאט, ווייל אמענש טאר נים זיין אזעלבסט מערדער. דעם המאבד עצמו לדעת, ענטזאגען אונזערע חכמים פון חלק לעולם הבא *) זייא מאכען

*) עיין גיטין נ"ז ע"ב בתוספות על דבר המאבד עצמו לדעת. ובמסכת ע"ז י"ח בתוספות.

יהלו"ם

קיין שום אונטערשייד ניט אויף וועלכען אויפן ער טהוט דאס; אונזערע חכמים זאגען: אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים (ברכות י׳) אבער זיך ניט טאטען *) דער אמתר מאמין מוז גלויבען אז אלס איז אבעשטימונג פון גאטט. אונ וואס גאטט טהוט, הין לטובה, והין ח״ו לרעה, טהוט ער אלס לטובת האדם. נור מיר האבען אשוואכען קארפער מיט אקליינע הבנה (פער-שטאנד) איז אונז דערפאר שוועהר אריבערצוטראגען דיא שלעכטע צייט, דיא חכמים וואס האבען דאס גוט פערשטאנען, האבען זייא דערפאר געזאגט: חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה (ברכות ל״ג ונ״ד).

*) אין ספר „שבות יעקב״ חלק [illegible] שאלה יוד, בחלק אורח היים, ברייננט ער אגרויסע שו״ת וועגען שאול המלך וויא אזויא האט ער זיך אליין געהרגת. ע״ש.

ז.

דער חרבן אין גראנאדע.

אדער:

דער קאניגליכער יודישער דאקטור.

כי השתות יהרסון,
צדיק מה — פעל.
(תהלים י"א ג')

עס איז געווען אגרויסער חרבן (צערשטארונג) דורך אשארפען שווערד וואס מען האט געשלאכטעט די יודען אין דער שטאדט גראנאדא (Granade) אונ וויא איך (דער מחבר פון ספר „שבט יהודה") האב געפונען איז דער ענין דערפון אזויא געווען:

אין יענער צייט פון דעם אונגליק, האט אין יענער שטאדט געלעבט א יוד, ער איז געווען אקאניגליכער דאקטאר, זיין נאמען איז געווען ה"ר יצחק המון ז"ל (R. Izchak Hamon) יעדען טאג פלעגט ער גיין אין קאניגליכען הויף, ויהי היום, איינעם טאגעס, איז ער געגאנגען אויף דער גאסס, אונ ער האט געזעהען וויא ישמעאלים (Muselmäner) צאנקען זיך, האט ער געוואלט זיך אומקעהרען (געהען

צוריק) אהיים (נאך הויזע) אבער ער האט ניט גע-
קאנט גיין צוריק, גייענדיג זיין וועג, האט ער גע-
הערט וויא איין ישמעאל (מוסעלמאן) האט געזאגט
צו איינעם פון דיא שטרייטענדע: איך באשווער
דיר בייא דעם לעבען פון אונזער נביא (פראפהעט)
דאס דוא זאלסט דיין געגנער אבלאזען אונ דוא
זאלסט איהם מעהר ניט פערפאלגען יענער אבער
האט ניט געוואלט אבלאזען, דער זעלביגער האט
זיך נאכאמאל געווענדעט צו יענעם אונ האט איהם
געזאגט דיא ווארטער: איך באשווער דיר בייא דעם
לעבען פון דעם קעניגליכען דאקטאר, דוא זאלסט
איהם לאזען אין רוה, האט ער איהם אבגעלאזען.
זאפארט האבען זיך פערזאמעלט דיא מוסעלמאנער
אונ זייא האבען געשריען אונ געזאגט: אונזער
גלויבען איז זעהר שטארק געזונקען, אז יענער האט
איהם בעשווארען בייא דעם לעבען פון אונזער נביא *)
האט ער ניט געוואלט פאלגען, אונ אז ער האט
איהם בעשווארען בייא דעם לעבען פון דעם יודישען
דאקטאר, האט ער איהם געלאזען אין רוהע, זעהט
וויא יענע (דיא יודען) האבען ערהויבען זייער קאפף,
מיר מוזען זיך אלע פערזאמלען אונ זייא פארטיליגען.

*) דאס איז בייא דיא ישמעאלים דיא הארבסטע שבועה וואס הארבער קאן ניט זיין.

יהלו"ם

אלע מוסעלמאנער האבען זיך פערזאמעלט מיט דעם שווערד אין האנד, אונ האבען אלע יודען גע-הרגת, אויסער איינינע פון די אנגעזעהענע יודען וועלכע זיינען אנטלאפען אין קאניגליכען פאלאסט, זיינען זיי דארט געראטעט געווארען.

פון יענעם טאג אן (אונ ווייטער) האבען די יודישע ארצטע גענומען אויף זיך. ניט מעהר צו רייטען אויף פערד אונ קיינע זיידענע קליידער צו טראגען, אונ קיינערליי אויסצייכנונג צו וויזען בעת זיי וועלען גיין אין גאסס, אטהייל פון זיי (די ארצטע) האבען דאס געטהון כדי די ישמעאלים זאלען זיי ניט מקנא (בענײדען) זיין, אונ אטהייל פון זיי האבען דאס אויף זיך מקבל געוועזן פאר אצייכען אלס טרויער אויף זייערע ערשלאגענע ברידער.

הערת המעתיק:

וואס די תורה הקדושה שרייבט. בלייבען איהרע רייד הייליג אויף עוויג, די תורה זאגט אויף דעם ישמעאל: והוא יהיה פרא אדם, ידו בכל ויד כל בו (בראשית ט"ז י"ב) די ווילדע מדה „פרא אדם" איז געבליעבען ביי די ישמעאלים עד היום, מיר זעהען, למשל: פארצייטען האבען די יודען געליטען צרות פון די בריסטען אין שפאניא אונ אין אנדערע

ווייטע לאנדער, דיא כריסטען האבען זייא גערודפת (פערפאלגט), אבער אלץ מיט אנ'אורזאכע, עס איז זעהער מעגליך צו גלויבען, דאס ניט וויל זייא האבען געהאט אשלעכט הערץ. נור וויל זייא האבען געהאט אטעות... זייא האבען געגלויבט: דאס זייא זיינען גאטעס שלוחים צו פארבעסערן דיא יודען, דאס הייסט: עס זאל זייא גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט *) און אז דיא יודען האבען ניט געוואלט פאלגען, ניט אננעהמען זייערע עצות, ניט געהארכען זייערע לעהרע, ניט עססען ניט טרינקען מיט זייא צוזאמען און זיך ניט מתחתן זיין מיט זייא. האט דאס דיא כריסטען געערגערט און זייא האבען געוואלט זייער פערלאנג — אדער וויא מיר רופען דאס „טעות" — אויספיהרען דורך דעם שווערד, אדער

*) אנדערע בעהויפטען דאס וויל דיא כריסטען אין שפאניע זיינען געווען הונגעריג און דורשטיג, האבען זייא געוואלט שטילען זייער הונגער דורך יודישע פלייש... און זייער דורשט— דורך יודישעס בלוט... אך הונגער און דורשט! דאס זיינען צווייא מלאכי חבלה וואס קאנען חרוב מאכען גרויסע וועלטען. דער הונגעריגער ווען ער זעהט יענער איז זאט. ערגערט דאס איהם נאך מעהר, ער טהוט יענעם שלעכטעס, אהן ארעכנונג וויל ער איהם איינשלינגען, און בארעכנט ניט פיליכט וועט ער דורכדעם ערשטיקט ווערען...

י. גירטעל.

פייער, און אנדערע מיני יסורים. ניט אזויא האבען געטהון דיא מוסעלמאנער, זייא האבען געהרגת דיא יודען גאר אהן אסבה. אדער איבער אנארישע אורזאכע, זייא האבען ניט בארעכנט, ניט געקלערט וואס איז דער יודישער דאקטאר שולדיג, אז דער מוסעלמאנער האט פריהער ניט געוואלט פאלגען יענעמס עצה, הגם ער האט איהם בעשווארען ביא דעם נאמען פון זיין הייליגען נביא און נאכדעם האט ער זיך בעזאגען, איבערלייגט יא צו פאלגען, עס איז מעגליך, אז גאר ניט צוליעב דעם דאקטאר — וואס יענער האט איהם בעשווארען -- האט ער געפאלגט, נור צוליעב דעם; וואס זיין כעס איז געשטילט געווארען, וויא דער שטייגער איז כמעט פון יעדען מענשען, בעת ער איז אין כעס, לאזט ער זיך ניט איבערבעטען וויא רבי בן אלעזר זאגט: אל תרצה את חברך בשעת כעסו (אבות פ"ד מ' כ"ג) קוים ווערט זיין בלוט געשטילט, רוהיג, אביסעלע אבגעקלט, ער בעקומט צוריק זיין מנוחת הנפש (כי הדם הוא הנפש). ווערט ביא איהם אויס נקמה, עס פארשווינדעט דיא רציחה... און ווען אפילו מיר ווילען גלויבען: דאס דער יודישער דאקטאר איז געוועזן דיא סבה וואס דער מוסעלמאנער האט יענעם מעהר ניט גערודפת. האט מען דאך בעדארפט דעם דאקטאר דערפאר דאנקבאר זיין און ניט בעשטראפען איהם מיט אלע יודען צוליעב דעם וואס יענער מוסעלמאנער דער נרדף איז געראטעט געווארען פון קלעפ און אפשר פון טויט. קאן זיין אנדערע

ווילדקייט וויא דאס איז , האט דיא תורה הקדושה ניט ריכטיג געזאגט דאס נאך זיין חאראקטער קאן ער אנדערש ניט גערופען ווערען נור „פרא אדם".

אז מיר האלטען ביא דעם ענין וועלען מיר זאגען דעם פשט פון פסוק, אונ מיר האפפען דאס פאר פיעל זארגאנישע לעזער וועט דאס זיין אנייעס , דיא פראגע אין פסוק איז : פאר וואס שטעהט והוא יהיה פרא אדם. וויא באלד עס איז ידו בכל ויד כל בו. זיינען זייא דאך אלע פראים ? — דער אנטווארט איז אזויא : ווען ער וועט אלעמען שלאגען , וויפיעל וועט יעדערן אנקומען ? קוים איין קלאפ , אבער אז אללע וועלען איהם שלאגען , וועלען זייא דאך איהם מזיקן. מאכען פאר אקאייליקע , אונ אפשר הרגנען. דערפאר זאגט דער פסוק : והוא יהיה פרא אדם , ע ר וועט זיין אווילדער מענש. ווייל ער וועט ניט בארעכנען דעם סוף, ער וועט ניט זיין אחכם הרואה את הנולד... ער וועט זיך מיט אלעמען צעפען, אלעמען שלאגען אונ ער וועט ניט בארעכנען דאס יענע האבען אויך האנד, אונ זייא ווע,ען איהם ניט שווייגען זייא וועלען איהם שלאגען וויפיעל זייא וועלען קאנען אהן רחמנות. יהיה איך שיהיה. דער יוד האט גענוג גרויסע צרות פון דיא געבילדעטע קלוגע מענשען אונ פון דיא ווילדע מענשען, אלע האבען דעם יודען געפייניגט, יעדער אויף זיין אופן...

ח.

מַעֲשִׂים תַּעְתּוּעִים.

אָדער

אַנייעֶ נְּדִיבָה.

יְדֵיכֶם דָּמִים מָלֵאוּ.
(ישעיה א׳ ט״ו).

פוּן דִיא מוּנְד פוּן אַחְסִיד (פְרָאמֶען) אוּנ אַחְכָם (וֵויזֶער מַאן) כמ״ר אברהם בן ערמא (Abraham Ben Arama) הָאבּ אִיךְ (דֶער מְחַבֵּר פוּן סֵפֶר „שׁבט יהודה" גֶעהֶערְט: דָאס דוּרְךְ: דֶעם הֶערְר יהודה בן ווירגה פוּן דֶער שְׁטָאדְט שְׁבילייא (R. Iehuda Aben Werga aus sewilla) הָאט גֶעטְרָאפֶען אַנֵס (וואוּנְדֶער) אִיךְ ווִיל דִיא מֶערְקְווִירְדִיגֶע זַאךְ בֶּעשְׁרַייבֶּען:

אִין אֵיינֶער שְׁטָאדְט נִיט וַוייט פוּן שְׁבילייא אִיהר נָאמֶען אִיז גֶעוֶועזֶען שירץ—דילה—פרונטירא (Xerez de laFrontera) הָאט אֵיינְמָאל גֶעטְרָאפֶען דָאס כּוּמְרִים (Mönche) זֵיינֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַיוּדֶען אִין הויז, עֶר הָאט גֶעהֶערְט (מֶען הָאט אִיהם גֶערֶעכֶנְט, גֶעצֶעהלְט) צוּ דִיא רַייכֶע פוּן לַאנְד, דִיא כּוּמְרִים הָאבֶּען פוּן אִיהם פֶערְלַאנְגְט אַנְדָבָה אוֹיף אַדְבַר מִצְוָה, דֶער יוּד הָאט זֵייא נִיט גֶעוָואלְט

געבען, עס איז אונטער זיי געווארען אשטרייט, און זיי האבען זיך געצאנקט. דער יוד האט איינעם פון זיי געשלאגען, זיי אבער האבען דערפאר געצירנט אויף אללע יודען, און זיי האבען זיך בעראטהען די גאנצע יודישע געמיינדע צו פארדערבען. זיי אונגליקליך צו מאכען דורך א פאלשען בלבול.

אין יענעם טאג האבען זיי געזעהען דאס אנגעטויפטען יודען וואס איז געשטארבען איז בעגראבען (בעערדיגט) געווארען אויף זייער קריסטליכען בית הקברות (בעגראבניסספלאטץ) זיינען די כומרים געגאנגען און האבען דעם געטויפטען ארויסגעגראבען פון זיין קבר (גראב) און האבען איהם געבראכט (אוועקגעטראגען) אויף דעם יודישען בית הקברות (גאטטעס-אקער). אויף מארגען האבען זיי געשריען און געזאגט: דאס זיי האבען געפונען דעם קבר פון דעם געטויפטען לעער. און זיי גלויבען דאס די אורזאכע דערפון איז, ווייל יענער מאן איז פריהר געוועזען א יוד. האבען די יודען איהם פון זיין גראב ארויסגענומען כדי ער זאל מיט אונז ניט אריין צוזאמען אין גיהנום (Hölle) זיינען זיי אללע געגאנגען צו דעם דוכום (הערצאג) און האבען איהם ערצעהלט דעם גאנצען פארפאל.

— געהעט זאפארט — האט דער הערצאג געזאגט — עהדער די יודען וועלען דאס ערפאהרען, און פרעגט זיי: אויב עס איז שוין אלאנגע צייט פערלאפען,

דאס זייא האבען בעגראבען איודען אויף זייער בית-הקברות.

דיא אללע כומרים זיינען געגאנגען צו דיא יודען נאכצופארשען אונ דיא יודען האבען געזאגט דאס זייא האבען שוין זייט אלאנגערע צייט קיינען יודען בעגראבען.

דיא כומרים זיינען צוריקגעגאנגען צו דעם הערצאג, אונ האבען איהם געזאגט דעם ענטפער וועלכען זייא האבען געהערט פון דיא יודען.

— געהט אויף דעם יודישען בעגראבניספלאטץ — האט דער הערצאג צו זייא געזאגט — אונ זעהט אויב עס איז ניט פאראן דארטען א נייער קבר.

דיא כומרים זיינען געגאנגען אויף דעם יודישען בית-עולם, אונ האבען געפונען א נייעם קבר, זייא האבען דעם קבר אויפגעגראבען אונ האבען דארט דעם געטויפטען יודען געפונען.

זייא זיינען באלד געגאנגען צו דעם הערצאג. אונ האבען איהם ערצעהלט דאס זייא האבען געפונען אויף דעם יודישען בית עולם א נייעם קבר, האבען זייא איהם געעפענט אונ האבען געפונען אין איהם דעם געטויפטען יודען. זייא האבען איהם ערקאנט דאס ער איז דאס באמת דער זעלביגער געטויפטער יודע.

דער הערצאג איז געווארען שטארק אין בייז, זיין צארן האט אין איהם געברענט אויף דיא נבלה וואס דיא יודען האבען געטהון, ער האט בעפוילען

דאס מען זאל אלע יודען פון דער שטאדט איינשפארען אין געפאנגנים. פון דעסטוועגען האט דער הערצאג געזאגט: דאס עס איז צוועקמאססיג דיא מעשה מודיע צו זיין דעם קאניג און הארען וואס וועט ער דארויף זאגען. נור ביז עס וועט קומען אנטווארט פון קאניג זאלען דיא יודען בלייבען איינגעשפארט אין טורמע.

ט

דער גרויסער וואונדער.

אדער

אַחֲרִית רְשָׁעִים נִכְרָתָה.

יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֹנוֹ
וְאֶרֶץ מִתְקוֹמָמָה לוֹ.
(איוב כ׳ כ״ז).

ווייא דיא יודען האבען דער הערט פון דיא טרויעריגע נאכריכט, האבען זייא געשיקט א שליח צו הרב יהודה בן ווירגה אין שביליא איהם ביטען; דאס ער זאל זאפארט קומען צו זייא ביטען דעם הערצאג פאר דאס יודישע פאלק, וואס זיינען אין א גרויסע צרה, זייא

געפינען זיך אין אשרעקליכען נויטה. דען זייא ליגען פארבארגען אין זייערע הייזער, זייא האבען מורא צו גיין אויף דער גאסס מחמת (וועגען) דיא שנאה פון דיא קריסטליכע פאלק צו זייא.

הר' יהודה בן ווירגה איז באלד געקומען צו זייא, אונ וויא ער האט געוואלט זעהען דעם הערצאג, רייזען מיט איהם, האבען דעם הערצאגס בעדינטע איהם ניט געוואלט ערלויבען אריינצוגיין צו דעם דוכוס, וויל זייא זיינען געווען שלעכטע מענשען אונ זייער כונה איז געווען שלעכטעס צו טהון דיא יודען, הר' יהודה אבער האט זייא אוועקגעשטויסען מיט געוואלט אן אויט, ער איז אריינגעגאנגען צו דעם הערצאג אונ האט צו איהם געזאגט: אונזער הערצאג! איך בין קיינעסוועגעס געקומען צו דיר דיא יודען פון זייער שולד פרייא צו שפרעכען. דען נאכדעם זייא האבען אזא נידערטרעכטיגע מעשה געטהון, אזא נבלה בעגאנגען, וואס דאס איז אשרעקליכער פארברעכען. פארדינען זייא פארברענט צו ווערען, איך בין פיעל מעהר נור געקומען מיינעם הערן צו וויזען ריכטיג. קלאהר אונ דייטליך ווער עס האט דיא נבלה געטהון. כדי דוא זאלסט וויססען ניט צו פארגיעסען אונשולדיגע בלוט..

איך וויים — האט דער הערצאג געזאגט — דאס דוא בינסט קלוג וויא אמלאך (ענגעל), דארום ביטע איך דיך טהוע דאס וואס דוא האסט מיר יעטצט

פארשפראכען, איך זאג דיר, דאס דוא וועסט מיך דערמיט זעהר שטארק ערפרייען, ווייל איך וויל וויסען דעם ריכטיגען פארברעכער, אונ דערפאר וועל איך דיך גאנצען לעבען האלטען מיט גרויס כבוד.

דון יהודה האט געזאגט: מען זאל ברינגען מיינעם העררן אלעערע בלאט פאפיער, דוא, מיין העררר, וועסט איהר נעהמען אין דיין האנד, איך אבער וויל דאס בלאטט פאפיער גאר ניט אנריהרען מיט מיין האנד.

דער הערצאג האט באלד געשיקט ברינגען אבלאטט פאפיער.

דאס פאפיער איז געבראכט געווארען.

— לייג צונויף דעם בלאטט פאפיער אין פיערען (4 טהייל) — האט הר' יהודה געזאגט.

דער הערצאג האט אזויא געטהון.

— לייג עס אין דיין בוזען פון דער רעכטער זייט — האט הר' יהודה געזאגט,

אויך דאס האט דער הערצאג געפאלגט.

מען ערצעהלט: דאס הר' יהודה האט ארויסגערעדט אשם, ער איז געוועזן אמקובל (Cabbalist) דער הערצאג האט נאכדעם ארויסגענומען דעם בלאטט פון בוזעם, אונ האט דארויף געפונען פיער כתות כומרים (פריסטער-גרופפען) אבגעצייכענט (אבגעבילדעט), אויף איין זייט זיינען געשטאנען דרייא פריסטער וועלכע זיינען געשטאנען אויף דעם כריסטליכען פרידהאף אונ געגראבען אקבר,

און האבען פון דארט ארויסגענומען אטויטען מאן, און אויף דיא צווייטע עקקע פון פאפיער זיינען געוועזן אראפגענומען אנדערע דרייא כומרים וועלכע שלעפפען אטויטען קארפער. נור אזויא וויא ער איז געוועזן צו שוועהר, האט איינער פון זייא אויסגעשטעקט זיין גירטעל וואס מען רופט איהם קורדון די-פראילי (Cordon de fraila) אונטער דיא ג'ייבע און דער צווייטער כומר האט דעם עקק גירטעל אנגענומען מיט זיין האנד, (אזויא האט מען געקאנט זעהען אויף דעם פאפיער געצייכענט כדי מען זאל דערפון קאנען זעהען דיא השגחה פרטיות) דרייא אנדערע כומרים זיינען געשטאנען אין עקק מארק כדי אכט צו געבען אויב עס וועט יעמאנד קומען און זייא זעהען. ענדליך: זיינען געוועזן דרייא אנדערע כומרים אויף דיא פיערטע עקקע פון פאפיער, וועלכע האבען אויף דעם יודישען בית עולם געגראבען א קבר. און אויף יעדען כומר איז געוועזן געשריעבען זיין נאמען אויף דעם שטערן *) אז דער הערצאג האט דיא וואונדערבארע זאך:

*) דיא לצני הדור זאגען דאס דיא צייכנונג איז ניט געוועזען ביא דעם דוכוס אין בזוים, זאנדערן אין ווירגה'ס האנד, נור אויף יעדען פאל איז דאס אגרויסער וואונדער וואס מען קאן מאכען דורך דיא געהיים דער נאטור.

שר—של—ים.

געזעהען. האט ער זיך שטארק געוואונדערט, ער איז פארציטערט געווארען און ער איז געפאלען אויף זיין פנים און האט זיך געבוקט.

עהדער דער הערצאג האט דעם בלאטט מיט דיא צייכנונג געשיקט צו דעם קאניג, האט ער געשיקט רופען דיא כומרים, און ער האט ביי זייא געפרעגט דיא מעשה, און אז זייא האבען זיך געלייקענט. האט ער ארויסגענומען דאס פאפיער מיט דיא צייכנונג. זייא געצייגט, האבען זייא זיך שטארק ערשראקען, און מודה געוועזען, בעקאנט זייער חטא וואס זייא האבען געטהון.

דער הערצאג האט ביי זייא געפרעגט: וואס איז געוועזען דיא אורזאכע פון גארטעל. האבען זייא איהם געענטפערט: אט אזויא איז געוועזען דיא מעשה, און אויף דעם הערצאגס פראגע: ווארום זייא האבען דאס געטהון? — האבען זייא געענטפערט: כדי צו נעהמען נקמה פון דעם יודען, וויל ער האט אונז געפלוכט, דער הערצאג האט זייא געפרעגט: פאר וואס אבער האט איהר געוואלט דיא אנדערע יודען אונגליקליך מאכען, זייא האבען דאך אייך קיינע שלעכטעס געטהון. דיא כומרים האבען געענטפערט: כדי צו נעהמען נקמה פון זייא פאר וואס זייא האבען אמאל אונשולדיגע בלוט פארגאסען.

דער הערצאג האט באלד בעפוילען דאס יעדען כומר זאל מען אנגליהענדע קאפפע (אמין אנגעברענטען

טאפ) ארויפזעטצען אויף זיין קאפף, אבער דאס פאלק האט זייא געוואלט רעטטען, ווייל דיא כומרים טראגען אויף זייער קאפף דעם עטרת גלחות (פריסטער טאנזור), אונ דער וואס טראגט אזא היטעל קאן מען איהם צום טויט ניט פעראורטהיילען. צווייא כומרים אבער. דיא וואס זיינען פארברענט געווארען. איז געווען פארפאלען, דיא איבריגע כומרים זיינען גערעטעט געווארען פון טויט, נור דער הערצאג האט זייא פארטריבען פון שטאדט אויף עוויג. (ד. ה. אויף זייער גאנצען לעבען האבען זייא אין דער שטאדט מעהר ניט געטארט קומען).

י.

דרכי ה׳.

אדער:

דיא ערקלעהרונג.

מפרש ושום שכל.
(נחמיה ח׳ ח׳.)

אמר יה״ם מוח: פון דעם מערקווירדיגען ספור זעהען מיר וויא ריכטיג שלמה המלך ע״ה זאגט: פוטר מים ראשית מדון (משלי י״ז י״ד) דיא מחלוקה

גליבט ער צו וואסער, מיר זעהען דאס וואסער איז זעהר נוטצליך פאר דיא וועלט, נור עס טרעפט אמאל (עס זאלל בעססער ניט טרעפען) דאס דורך דאס וואססער האט מען דעם גראסטען אונגליק. מען קאן זיך חלילה פארקיהלען, אדער, גאטט זאל היטען, ערטרונקען ווערען. אזויא — זאגט שלמה המלך — ווען תלמידי חכמים צאנקען זיך אין לערנען. (לשם שמים) ברייננגען זייא נוטצען, וויא אונזערע חכמים זאגען „קנאת סופרים תרבה חכמה" (בבא בתרא דף כ"א)

אבער ווען פראסטע איינפאכע מענשען צאנקען זיך. קאן קומען צו אשקאנדאל. אנעשלעג, און ענדליך צו אנ'אונגליק. וויא דיא מעשה איז געוועזן מיט דעם יודען און מיט דיא כומרים, דאס ליגט אין נאטור ביי פראסטע מענשען, קוים ווערט ביי זייא אמחלוקה, זוכט שוין איינער אויף דעם אנדערן בלבולים, און ווען זייא קאנען ניט געפינען אמת'ע ריכטיגע חטאים, טראכטען זייא אויס דיא גראסטע עבירות, דיא נידערטראכטיגסטע אונרעכט וואס יענער האט דאס קיין מאל ניט געטראכט צו טהון, אט וויא דיא כומרים האבען ערפונדען אשרעקליכען בלבול אויף דיא יודען. עס איז נור צו בעוואונדערן וויא דיא שנאה, און מחלוקה קאנען פארבלענדען דיא אויגען פון דעם קלוגסטען מענשען. דער דוכוס — וויא עס ווייזט אויס פון זיין גוטע בעהאנדלונג צום סוף — איז געוועזן אקלוגער און א איש אמת, פאר וואס האט

ער ניט באַרעכנט פריהר אז דיא גאַנצע מעשה איז נור א בלבול. היתכן? וויא קאן דאס זיין: יודען זאָלען טהון אזא גרויסע נאַרישקייט? דאס ערשטע וויא אַזויא וועלען זייא זיך מוסר נפש זיין צו גיין אויף דעם כריסטליכען פריעדהאָף אויסגראָבען אַטויטען מענשען? צווייטענס: יודען בכלל ובפרט זאָרגען ניט פאַר א יודען וואָס האט זיך ערווייטערט פון זייא, ער זאָל האָבען עולם הבא, דריטענס: מיט וואס וועלען זייא מתקן זיין אזינדיגע נשמה ווען ער וועט ליגען אויף דעם יודישען בית הקברות? דיא יודישע אמונה מאַכט קיין אונטערשייד פון א יודען ביס א כריסטען אויף יענער וועלט. ווען דער כריסט איז א חסיד, א פרומער, ער איז מקיים וויא זיין געזעטץ געבער האָט איהם געבאָטען, האָט ער געוויס עוה"ב. דער כריסט ווען ער איז א פרומער מאן איז קיין אונטערשייד פון איהם ביז א יודען, נור אין דיא צערעמאָניעס. דאַרויף זאָגען אונזערע חכמים מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא (ברכות נ"ח) ד. ה. אזויא וויא מיר זעהען אין א לאַנד אונטער איין מלך זיינען פאַראַן פערשידענע פאָלקען, אין פערשידענע פאָרמעס, זאַנדאַרן, קאָזאַקען, רייטער, פוספאָלק, יעדערער האָט אַנאַנדער סלוזבע און אַללע דינען איין מלך, דער דינסט איז פערשידען, אָבער דיא כונה, דער ציעל איז איינער, אזויא איז אין רוחניות, איינער איז א יוד, דער צווייטער א כריסט, ביא יודען און ביא כריסטען זיינען פאַראַן פילערלייא

סעקטעס, חסידים מתנגדים, פאן יעדער פארטייא, דינען זייא גאטט אויף פערשידענע ארטען, אונ אלע מיינען איין ציעל צו טהון דעם רצון הבורא, אויף וועלכען אופן ער איז ממלא דעם רצון הבורא איז קיין אונטערשייד, ער דארף נור דינען גאטט בכל לבבו נפשו ומאדו, דערפאר זעהען מיר דאס בייא די גרויסע קלוגע געלעהרטע אונ אמתע מענשען, מאכען קיין אונטערשייד פון ארעליגיאן צו ארעליגיאן, ניט אזויא טהוען די פארדארבענע מענשען בכלל ובפרט, דער שונא ישראל וועןֿ ער מאכט אבלבול אויף איין יודען ציהט ער צו איהם נאך פיעל אנדערע יודען. ער באגנוגענט זיך ניט איינעם אונגליקליך צו מאכען, נור אללע זיינע גלויבענסברידער אין אנ'אונגליק צו שטירצען וויא המן האט געטהון אין זיין צייט, כידוע, אונ די כומרים פון אונזער ספור אין זייער צייט, נור מערקווירדיג איז צו זעהען די השגחת הבורא וויא ער איז מציל דעם אונשולדיגען פון אפאלשען בלבול, אט למשל: ווען המן וואלט נור איין מרדכי'ן געוואלט אונגליקליך מאכען, אדער די כומרים פון אונזער ספור וואלטען אויף דעם איין יוד געמאכט אבלבול, וואלט דער „ויצעקו" אזויא גרויס ניט געוועןֿ. איין יוד וואלט אפשר אונגליקליך געווארען, וייל אפילו די תפלה פון איחיד איז אויך ניט אזויא גרויס וויא די תפלה פון ארבים, וויא אונזערע חכמים זאגען: אימתי עת רצון בשעה שהצבור מתפללים וכו'

מנין שאין הקב"ה מואס בתפלתן של רבים וכו' (ברכות ח') וואס טהוט אבער גאטט, שיקט ער אריין יענעם א דעה: ער זאל וועלען אונגליקליך מאכען אללע יודען. אבער „צרת רבים חצי נחמה". דער „ויצעקו" ווערט גרוים, אלע יודען קעהרען זיך צו גאטט אונ דורך דעם זכות הרבים ווערט דער איינציגער יוד אויך גערעטעט, אונ דער בלבול מאכער פאלט אריין אין דיא גרוב וואס ער האט פאר יענעם געגראבען, וויא דיא פסוקים זאגען: בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל: ישוב עמלו בראשו ועל קדקדו חמסו ירד (תהלים י"ב כ"ב). נור דיא סבה פון דעם בלבול איז בהשקפה הראשונה צו בעוואונדערן. אללע זיינען מודה דאס יודען זיינען גוטהערציגע מענשען, ווער עס שטעקט אוים אהאנד צו ביטען א נדבה גיט א יוד, דיא יודען מידען זיך ניט איין צו געבען נדבות אויף פיעל פערשידענע ענינים, מפרט ווען א כריסט קומט צו א יודען ביטען א נדבה, גיט ער איהם געוויס בסבר פנים יפות, אונ ווען א השוב'ער כריסט קומט צו איודען ביטען א נדבה פריידט זיך דער יוד וואס ער האט זוכה געוועזען צו דעם כבוד, וואס ער פילט זיך צו האבען דיא זכיה פון אזא וויכטיגע זאך, איז דיא גרויסע פראגע: ווארום האט גראדע דער יוד ניט געוואלט געבען א נדבה דיא כומרים? דארויף מוזען מיר ענטפערן: דאס הכל תלוי במזל. עס טרעפט אמאל וואס דער בעל צדקה האט קיין געלד ביא

זיך, און יעגער וואס קומט ביטען די נדבה רעדט
מיט גאוה, ער פערלאנגט געלד אקוראד וויא יעגער
נדיב וואלט איהם שולדיג זיין אחוב אגמילות חסד,
דער וואס פערלאנגט די נדבה זאגט יענעם
שטעכענדיגע ווארטער, דעם נדיב ארגערט זיינע רייד
אין דאפפעלן. איין מאל פאר וואס ער קאן ניט
געבען די נדבה וואס יענער פאדערט פון איהם,
און אצווייטען מאל פאר וואס יענער איז איהם אזויא
הארט אנגעקומען, עס איז קיין וואונדער וואס דער
נדיב געהט ארויס פון געדולד, (טערפעניע) און וויא
באלד איינער ווערט שטארק גערייצט, איז ניט ווייט
פון אמחלוקה, פון אגעשלעג, און פון די גראסטע
רציחה, דערפאר זאגען אונזערע חכמים: איזהו גבור?
הכובש את יצרו (אבות פ"ד, מ' א') דער מענש ווען ער
ווערט אין כעס איז איהם זעהער שוועהר צו בארעכנען
דעם סוף וואס קאן פון זיינע טהאטען ארויסקומען,
ער קאן אבטהון די גראסטע נארעשקייט, וויל דער
רוח שטות רעגירט דענסטמאל איבער איהם, דערפאר
דארף דער מענש זיך מתגבר (שטארקען) אויף די
שלעכטע מדה פון כעס, ער זאל זיין פארזיכטיג ניט
אין כעס צו ווערען, וועט ער קאנען זיין אחכם הרואה
את הנולד, און וועט מקיים זיין די רייד פון בן עזאי
וואס ער זאגט: אל תהי בז לכל אדם וכו' (שם).

היוצא לנו מדברינו: דער ספור וועט זיין אמוסר
השכל פאר יעדען לעזער: ער זאל לערנען די וועלט

געשיכטע וועט ער זעהען די שאנדליכע מעשים וואס זיינען פיל מאל ארויסגעקומען פון כעס און פון שנאת חנם, וועט ער במילא לערנען תורה וויא אזויא זיך אבצוהאלטען פון די געפעהרליכע מדות, ער וועט וויסען וויא אזויא פון זייא צו אנטלויפען, וועט ער זיין זיכער דאס ער וועט לעבען גליקליך במנוחה ובשלוה.

יא.

די ביידע וועלטען.

אדער:

ברויט אין אנויט.

אם ישמעו ויעבדו יכלו ימיהם בטוב
ושניהם בנעימים, ואם לא ישמעו
בשלח יעברו ויגועו בבלי דעת.
(איוב ל״ו — י״א י״ב)

אין דער שטאדט רומא (Rom) האבען זיך די בעוואהנער פון לאנד פלאטצליך ערהויבען, מיט אחרב פיפיות (צווייישניידיגען שווערד) אין זייער האנד. זייא האבען געלאזט צוזאמענרופען אללע יודען — און אין יענער צייט איז געווען אין רוים אגרויסע און

זייער איינע אנגעזעהענע געמיינדע, די כריסטען האבען צו זיי געזאגט: ווען איהר וועט אננעהמען די כריסטליכע רעליגיאן וועט איהר זיין אזוי גוט ווי אונזערע ברידער, און אללע טאג וועט איהר האבען פון אונז כבוד און נוטצען, איהר וועט מיט אונז איין אנגענעהמען לעבען פיהרען און אויך אין גן עדן (פאראדיעז) וועט איהר זיין מיט אונז צוזאמען, ווען איהר וועט אונז אבער ניט פאלגען, קאנט איהר אלס געוויס אננעהמען דאס איהר אללע וועט דורך דעם שווערד געטאטעט ווערען, און קיין מענש וועט אייך פון אונזערע האנד קאנען רעטטען. יעטצט זייט אייך בוחר (וואהלט אויס) וואס פאר אייך איז בעססער, ברויט אדער דעם טויט, אגליקליכען לעבען אויף ביידע וועלטען. אדער פארליהרען ביידע וועלטען.

די יודען זיינען געפאלען פאר זיי אויף דער ערד, און האבען זיי שטארק געביטען, זיי האבען געגעבען און אויך פארשפראכען זיי אבצוגעבען אללע זייערע געלד, זילבער, און וואס זיי פארמעגען, נור זיי זאללען ערלויבען זיי צו בלייבען ביי זייער גלויבען, עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפען, די ענדע איז געוועזן: דאס אין דריי טאגען צייט האבען פון די יודען פון רוים און פון דעם אומגעגענד פונפצעהן טויזענד (15000) יודען פערלאזען זייער גלויבען, נור איינצעלנע פערזאנען האבען זיך געראטעט, דאס זיינען געוועזן די יודען וועלכע עס האבען געוואהנט

אין אומגעגענד פון רוים אונ זייא האבען געברויכט קומען אין רוים, בעת זייא זיינען געוועזען ניט ווייט פון שטאדט, האבען זייא געהערט פון דעם אונגליק וואס דיא יודען אין שטאדט האט געטראפען, זיינען זייא אין שטאדט ניט אריינגעגאנגען אונ זייא זיינען אנטלאפען אין אוייטען געגענד, אנדערע יודען האבען זיך פאר-בארגען, נאכדעם האבען זייא זיך געראטעט דורך גרויסע שוחד (בעשטעכונג) אונ זייא זיינען אנטלאפען נאך דער גרויסער שטאדט נאפאליש (Neapel), דארט האבען זייא געהאט רוהע פון זייערע פיינד, אבער עס האט לאנג ניט געדויערט, אין ווענינ טאג, אקורצע צייט, האבען זייא דארט אויך געמוזט אויסלעערען דעם בעכער וואס איז געוועזען פאל מיט לייידען.

הערת המעתיק:

דיא יודישע בלוט-פיינד האבען געטהון וויא דיא וועלט זאגט: „אנארעמער מאן איז אבעל צדקה" וויל אנארעמאן זאגט: ווען ער וואלט ווערען רייך, וואלט ער פיעל ארעמע מענשען געהאלפען, פיעל נויטהבע-דירפטיגע געשטיצט. דען וואס פארליהרט ער דערפון ווען ער זאגט: דאס ער האט אגוט הארץ פאל מיט חסד, רחמים אונ צדקה? דער „זאגען" קאסט דאך איהם קיין געלד, מפרט ווען ער מאכט דערצו אתנאי (בעדינגונג) ווען וועט ער געבען צדקה אונ וועמען?

ווען יענער וועט טהון זיין פערלאנג, און ער ווייסט אויף געוויס דאס יענער קאן זיין פערלאנג מיט זיינע בעדינגונגען ניט ערפילען, אזוויא האבען געטהון יענע איינוואהנער פון רוים, וויא מיר שרייבען אין פאריגען קאפיטל, זייא האבען דיא יודען פארשפראכען עולם הזה מיט עולם הבא, דערפאר ווען זייא וועלען נור פארלאזען זייער גלויבען, ווייל זייא האבען געוואוסט: דאס דער בעדינגונג איז זייער שוועהר פאר דעם יודען מקיים צו זיין, זייא האבען געוואוסט דאס דער יוד וועט זייא אבגעבען זיין גאנצען פארמעגען נור צו בלייבען בייא זיין גלויבען, און דאס, ניט מעהר וויא דאס, האבען זייא געוואלט, דיא יודישע גאלד זילבער א. ז. וו. איז זייא געפאלען געווען, נור זאגען דאס בפירוש, האבען זייא ניט געוואלט *) דערפאר האבען זייא געזוכט אזא תירוץ אבצונארען דעם קאניג און דיא גאנצע וועלט. זייא זיינען געווארען

*) אבעוויז צו אונזערע רייד קאנען דיא לעזער זעהען אין קונטרס „דיא דריטע קרייצפאהרער" קאפיטל י"ח, דארט ערצעלען מיר דאס דיא יודען פון פעסטונג האבען דייטליך געזאגט דאס זייא ווילען זיך טויפען נור לעבען בלייבען, האבען דיא קרייצפאהרער ניט געוואלט הארן, דען וואס נוטצט זייא דער יודישער לעבען? זייא ברויכען נור זיין פארמעגען, אבער ניט איהם אליין...

יהלו"ם.

פרום... בלומערשט זייא ווילען טהון אטובה דעם רבונו של עולם, זייא האבען ניט געוואלט וויסען פון דעם פסוק: אם אלהים הוא ירב לו, וויא יואש האט געזאגט צו דיא שופטים, דיא שטאדט לייט וועלכע האבען געוואלט טאטען זיין זאהן גדעון (שופטים ו׳ ל״א) ווייל ניט גאטטעס קריוודע האבען זייא געזוכט, ניט דעם אמת צו וויסען, האבען זייא געמיינט, אדער געוואלט, אבעוויי אז דאס איז אמת וואס מיר זאגען, זעהען מיר דאס ערשטע וואס מאנכע יודען האבען זיך דורך געלד געראטעט פון טויט... און צווייטענס: דיא יודען וועלכע זיינען איבערגעגאנגען צו זייער גלויבען, האבען דיא שונאים נאכהער אויך ניט אויפגעהערט צו זוכען אויף זייא בלבולים, אללערלייא חטאים, כדי זייא זאלען קאנען צונעהמען דיא יודישע „האב און גוטס". דיא אנוסים *) האבען געלעבט אין טויטשרעקעניש, אויף זייא איז אויך מקוים געווארען: דיא קללות פון ביידע תוכחות: „והבאתי עליכם חרב נקמת נקם ברית" (ויקרא כ״ו) און „והיית אך עשוק וגזול כל הימים ואין מושיע (דברים כ״ח ל״א). דארום זעהען מיר דאס דיא קלוגע יודען וואס זיינען געוועזען חכמים הרואים את הנולד,

*) דיא יודען אין שפאניע וועלכע מען האט געצוואונגען זיך צו טויפען האט מען זייא גערופען מיט דעם נאמען „אנוסים".

י. גירטעל.

האבען בארעכנט צו וואס זאללען זייא זיך צו ערשט טויפען אונ נאכדעם שטארבען דורך יסורים אלס כריסטען, איז דאך בעססער ניט ווארטען אונ שטארבען באלד אלס יודען, דיא ניט בארעכנטע יודען האבען מיט זייער טויפען זיך געוואונען נור אחיי שעה, נאכדעם האט זייא דאס הייליגע וואססער אויך ניט געהאלפען, וויל זייערע געלד, זילבער אונ אנדערע חפצים זיינען געבליבען ניט געטובלט, האבען זייא געהאט דעם דין פון יודישע געלד ... דאס הייסט: הפקר: עס איז מעגליך, עס קאן אויך זיין דאס מאנכע כריסטען האבען בעגאנגען (געטהון) רציחות געגען דיא יודען לשם שמים. פאן נאמטעם וועגען. נאר דער צאהל איז זעהער וועניג. ניין אונ ניינציג פראצענט כריסטען האבען געזינדיגט געגען דיא יודען נור צו ליב זייערע געלד.

יב.

דער גיפטיגער בלבול.

אדער:

דיא גזרה איבער דיא מצורעים.

כי כפיכם נגאלו בדם ואצבעותיכם בעון
שפתותיכם דברו שקר לשונכם עולה תהגה.
(ישעיה נ״ט ג׳)

בשנת, אים יאהר פינף טויזענד איין אונ אכציג (5081) אין חדש (מאנאט) תמוז (יוני) איז געוועזן א גזרה דורך דיא מצורעים (אויסזאטציגע).

דיא מעשה איז אזויא געוועזן.

עס האט דענסטמאל געהערשט אין גאנצען לאנד זעהער אשטארקער דבר (פעסט) אונ דיא קריסטען האבען בעהויפטעט: דאס דיא יודען פון דער שטאדט האבען זיך עצות געהאלטען (בעראטהען) מיט דיא מצורעים וועלכע זיינען געזעסען אויסער האלב דער שטאדט, זייא זאלען דיא קריסטען אין שטאדט אונגליקליך מאכען, דיא שטאדט־לייט האבען חושד געוועזן דיא מצורעים איבער דיא סבה: וויל דיא שטאדט־לייט האבען געוואוסט דאס דיא מצורעים

זיינען געווען אין כעס אויף זייא איבער דיא אורזאכע וואס דיא שטאדט־כריסטען האבען דיא מצורעים ארויסגעטריבען פון שטאדט, כדי זייא זאלען זייער קראנקהייט ניט אנשטעקען דיא געזונדטע, האבען דיא מצורעים ניט געקאנט פארדינען זייער לעבענס-מיטעל און דיא שטאדט-לייט האבען זייא ניט גע-געבען היגרייכענדע נאהרונג. און אז דיא שטאדט-לייט האבען ערפאהרען דאס דיא יודען האבען זיך בעראטהען מיט דיא מצורעים, האבען זייא געזאגט: דאס דיא יודען האבען זייא פארשפראכען צו ברייגגען סם (גיפט) און דיא מצורעים וועלען דיא סםווארפען אין דיא טייכען, כדי דיא שטאדט-כריסטען זאלען טרינקען און שטארבען.

דער קאניג גאר אהנע צו פרעגען און אהנע נאכצופארשען, האט געשיקט זיינע לייטע און זייא האבען צוזאמענגענומען אלע יודען פון דער שטאדט, ער האט זייא איינגעשפארט אין געפאנגעניש און אצייט פון ניין מאנאט לאנג האט מען זייא גע-האלטען געפאנגען, שפעטער האט דער קאניג ער-פאהרען דאס דיא גאנצע מעשה איז אפוסטע פער-ליימדונג, אנויסגעטראכטער ליגען פון אנפאנג ביז ענדע, נור אזויא וויא ער האט זיך זעהר גע-שעמט פאר וואס ער האט דיא אונשולדיגע יודען געהאלטען ניין חדשים אין געפאנגניש, זא האט ער געזאגט אז ניט איבער יענע אורזאכע האט ער זייא

אין טורמע געזעטצט, זאנדערן דאמיט זיא זאלען צום כריסטענטהום (כריסטליכען רעליגיאן) איבערגיין. מען האט זיא געפייניגט דורך דעם פאלטער *) אבער זיא זיינען געבליעבען זייער הייליגען גאטט טריא, אונ עס זיינען פונפצעהן טויזענד (15000) פער-זאנען פון דיא יודען פארברענט געווארען אהנע זיך צופערזינדיגען געגען גאטט.

הערת המעתיק:

דיא בעסטע מדה ווען מען ברויכט איהר ניט וויא עס דארף צו זיין, בריינגט זיא שאדען זיך אונ יענעם. דיא תורה הקדושה בכלל איז אזויא וויא אקייט פון רינגעלע: געשלאסען איינע אין דיא אנדערע, ווען מען רייסט אב איין רינגעלע אפילו גאר אקליינע, מאכע דיא קלענסטע, קאן נאכדעם דאדורך צושאטען ווערען דיא גאנצע קייט... דער-פאר רופטמען דיא תורה „שלשלת הקבלה" ד. ה. זיא איז וויא א קייט. איין מצוה אין דיא אנדערע.

*) אזא מאשינקע וואס דורך איהר האטמען געפייניגט מענשען זיא זאלען זיך מודה זיין אויף זייערע חטאים ביודעים ובלא יודעים ד"ה: ווען אפי': דער מענש האט ניט געזינדיגט פלעגט ער זאגען דאס ער האט געזינדיגט כדי פטור צו ווערען פון פאלטער...

יהלו"ם

איינגעשלאפען — אויך זעהען מיר דאס יעדער מצוה קאן מען געברויכען אזויא וויא גאטט פערלאנגט און מען קאן איהר געברויכען אויף אשלעכטען אופ'ן. למשל „צדקה" איז אגרויסע מצוה, ווען אבער איינער גזלת דיא געלד און גיבט צדקה, איז דיא מצוה קיין מצוה... דיא מדות זיינען אויך אזויא. דיא מדה „בושה" איז אגוטע מדה וויא דיא חכמים זאגען בושת פנים לגן עדן (אבות פ"ה מ' כ"ה) אבער אז איינער שעמט זיך מודה צו זיין דעם טעות וואס ער האט געהאט, פארקריכט ער אין אגראסערען חטא. אט וויא דער קאניג פון אונזער פאריגען ספור האט מחמת בושה ניט געוואלט בעפרייען דיא יודען פון דעם פאלשען בלבול, האט ער געפונען א תירוץ (אויסרייד) צו ווארפען זייא אין אנאנדער גראסערן אונגליק וויא מיר האבען ערצעהלט אין פאריגען קאפיטל.

י"ג.

דיא אונגליקליכע מוטטער

אדער:

דיא טרפה חתונות.

בניך ובנתיך נתנות לעם אחר ועיניך ראות
וכלות אליהם כל היום ואין לאל ידך.
(דברים כ"ח, ל"ב)

מהנאמר ומהנדבר, וואס זאלען מיר יעדאך בעריכטען אונ ערצאהלען פון דער פערפאלגונג אין לישבונא (Lissabon), פון אלע שרעקליכע ליידען איז געוועזען דיא גראסטע אונ דיא פורכטבארשטע וואס מען האט בייא זייא צוגענומען זייערע קינדער אונ מען האט זייא אוועקגעשיקט מיט שיפפען *) אויף דיא פערלארענע אינזעלען וואס דארט האט קיין

*) אין אונזער העתקה „נדחי ישראל" זייטע 57 איז פאראן אבילד ווייא דיא מוטערס פון דיא קינדער — וועלכע מהאט אוועקגעשיקט מיט אשיף — האבען זיך פערזאמעלט בייא דעם ברעג ים צו רעטען זייערע קינדער. פאר דעם פראכטיגען בילד דאנקע איך דעם הערויסגעבער פון „נדחי ישראל" המשכיל הנכבד מר חיים מירמאן אין דווינסק.

מאל ניט געוואהנט אמענש . יענע אינזעלן האט מען גערופען אישילי"ש פירדידאש (Perdidas) ווער אבער עס האט ניט געהערט אונ ניט פערנומען דעם גע־ שרייא אונ דעם שלוכצען פון דיא פרויען וועלכע מען האט זייערע קינדער דורך דעם בעפעל פון קאניג געזעטצט אויף דיא שיפפען אוועקצופיהרען אויף דיא אינזעלן , דער האט ניט אין זיינעם לעבען קיין יאממער אונ קוממער אין אונהייל וואהרגענאממען . עס איז ניט געוועזן קיין איינציגער ווער עס זאל זיך ער־ בארמען . זייא טרייסטען , אדער פאר זייא איין גוט ווארט זאגען, דארטען האט זיך געפונען אפרויא וואס מען האט בייא איהר צוגענוממען זיעבען זאהנע*) אונ אלס דיא ארעמע אונגליקליכע מוטטער האט געהערט דאס דער קאניג וויל גיין אין דער קירכע , האט זיא זיך געאיילט אונ איז איהם ענטגעגען געגאנגען , זיא האט זיך געווארפען פאר דיא פיס זיינע פערד אונ האט איהם געביטען מען זאל איהר וועניגסטען לאזען איהר יונגסטען זאהן , אבער דער קאניג האט איהר ניט געוואלט הארען , ער האט

*) וויא אונזערע חכמים ערצעהלען פון חרבן ירושלים וואס דארט האט געטראפען מיט דיא פרויא חנה מיט איהרע זיעבען זאהנע .

יהלו"ם .

צוגערופען זיינע דיענער אונ ער האט זיא בעפוילען: (מיט דיא ווארטער) „טרייבט איהר אויעק פון מיינע אויגען", דיא ארעמע אונגליקליכע פרויא האט איהם אבער שטארק געביטען, זיא האט ניט אבגעטרעטען פון איהר ארט. זיא האט איהר ביטע עטליכע מאל ווידערהוילט, האבען דעם קאניגס דיענער אויף איהר געשריען, זייא האבען איהר געוואלט הארט בעשטראפען, האט דער קאניג געזאגט: צעפעט איהר ניט לאזט איהר אב, דען זיא מאכט עס וויא איינע הונדין וואס מען האט ביא איהר בערויבט איהרע יונגען.

גאטט זאל צוזעהען אויף דעם עלענד פון דיא בעדריקטע קינדער ישראל, ער זאל משפטן צו ווישען זייא אונ זייערע אונטערדריקטע.

איינינגע זאגען: דאס דיא גזרה שטאמט דערפון: דיא יודען וועלכע זיינען פון שפאניען פארטריבען געווארען, האבען דעם קאניג פון לישאבאן געביטען ער זאל זייא ערלויבען אריינציהען וואהנען אין זיין לאנד אונ דערפאר האבען זייא איהם פארשפראכען אבעשטימטע סוממע געלד. אבער שפעטער האבען מעהרערע יודען ניט געקאנט בעצאהלען, דערפאר האבען זייא אזעלכע גרויסע שרעקליכע צרות געהאט.

פיעל פון יענע קנאבען זיינען געשטארבען געהענדיג אויף דיא שיפפען דורך דעם קלימאט וואס

זייא זיינען מיט איהם ניט געווען געוואהנט, אויך דורך די פערשידענע שפייז און אנדערע קינדער זיינען אויף די אינזעלן אויסגעשטיגען, נור דארט האבען די זעעטהירען — וועלכע זייא זיינען געלעגען אין די זומפען און ביי די ברעגעס ים — זייא אויפגעפרעססען (פארשלונגען).

וברבות הימים, אים לויפע דער צייט האט אויך געטראפען דאס אבחור (יונגלינג) האט געהייראטהעט מיט זיינע שוועסטער, איינגע פון זייא האבען ניט געוואוסט. אנדערע דאגעגען האבען יא געוואוסט. איינער פון די פארשיקטע קינדער האט צוריקגעקעהרט נאך זיין פאטערלאנד און ער האט חתונה געהאט מיט זיינע איינענע מוטטער, זייא האבען ביידע ניט געוואוסט איינער פון אנדערן.

הערת המעתיק:

וויא עס ווייזט אויס איז דער קאניג ניט געווען פון די חברה „צער בעלי חיים". ווען ניט וואלט ער ניט געזאגט דאס די פרויא מאכט וויא איינע הינדין וואס מען בערויבט איהרע יונגען, און הגם דער קאניג האט בעפוילען זיינע דינער דאס זייא זאלען די פרויא קיינע שלעכטעס טהון, די ווארטער האט ער גערעדט איראניש, ער האט די פרויא געשימפפט מיט דעם נאמען הינדין, און ער האט דערמיט געמיינט צו זאגען דאס אזויא וויא מען דארף

קיין רחמנות האבען אויף אהינדיין אזויא דארף מען קיינע רחמנות האבען אויף דיא פרויא. אבער באמת איז צער בעלי חיים מדאורייתא, על פי חקי התורה דארף מען קיין לעבענדיגע באשאפניש מצער זיין, יעדער באשאפניש איז בעשאפען געווארען צו אתכלית, מיר זעהען, למשל, אמייסטער פון אגרויסע מאשינע וועט אצוועקעל ניט אריינשלאגען אין מאשין אהן אצוועק, מכל שכן דער בורא עולם וואס האט דיא אללע וועלטען בעשאפען, האט מיט זיין חכמה אלס געטהון וואס מען ברויך, ניטא אאיבריגע זאך וויא מיר זאגען: כלם בחכמה עשית!!!

אויך זעהען מיר פון דעם ספור וויא ווייט גאטט האט געהיט זיינע אמתע צדיקים זייא זאלען ניט נכשל ווערן בדבר עבירה. אט למשל רבי ישמעאל כהן גדול'ס זאהן אונ טאכטער האט גאטט אויסגעהיט פון אזא עבירה וויא מיר זעהען אין קינות לתשעה באב „ואת נוי חטאתי השמימה" ע"ש.

טו.

דֶער פַייֶערְדִיגֶער מוֹפֵת.

אָדער:

דִיא שְׁטְרָאף פַאר לֵיצָנוּת.

הִשְׂבִּיעַנִי בַמְּרוֹרִים הִרְוַנִי לַעֲנָה.
(איכה ג׳ ט״ו.)

אַלְס אִין דֶער שְׁטָאדְט לישבונא אִיז גֶעוָוארֶען דִיא גְזֵרָה צוּ הַרְגֶענֶען דִיא דָארְטִיגֶע יוּדֶען, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיסֶערְהַאלְבּ דֶער שְׁטָאדְט (מְחוּץ לָעִיר) אוּנ נָאכְדֶעם אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֵיינִיגֶער צַייט צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט. הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אִין פֶערְשִׁידֶענֶע אַרְטֶען, יֶעדֶער הָאט דִיא מַעֲשֶׂה אַנְדֶערְשׁ עֶרְצֶעהְלְט. נוּר אִין דֶעם שְׁטִימֶען אַלֶּע אֵיין, דָאס זֵייעֶרֶע צָרוֹת שְׁמֶערְצֶען אוּנ לֵיידֶען זַיינֶען גֶעוֶוען שְׁוֶועהְרֶע אוּנ בִּיטֶערֶע וְויא וַוייט עֶס קָאן נוּר דֶערְלַאנְגֶען. גְרֶאסֶערֶע אוּנ בִּיטֶערֶע צָרוֹת קָאן שׁוֹין גָאר נִיט גֶעבֶּען, דִיא צָרוֹת וָואס זַייא הָאט גֶעטְרָאפֶען אִיז אִיבֶּערְנַאטִירְלִיךְ, נוּר אִיךְ וִויל שְׁרַייבֶּען דִיא צָרוֹת וֶועלְכֶע אַנ׳אַלְטֶער מַאן הָאט מִיר עֶרְצֶעהְלְט.

אִין דֶער נַאכְט פוּן סֵדֶר (פֶּסַח) הָאבֶּען כְּרִיסְטֶען

געפונען דיא אנוסים אין זייערע וואהנונגען זיטצען און פאר זיא ליגט מצות (אונגעזויערטע ברויט) און מרורים (ביטערע קרייטער) וויא דיא יודישע פארשריפט פון דיא פסח געזעטצע, דיא כריסטען האבען דיא יודען אוועקגעפיהרט צו דעם קאניג. דער קאניג האט בעפוילען דאס מען זאל זיא אין געפאנגניש איינשפערען, ביז זייער אורטהייל ווירד געשפראכען זיין.

אין יענער צייט אבער האט געהערשט הונגערסנאטה. און דירע *) האבען זיך דיא כריסטען פערזאממעלט און האבען געזאגט: גאטט שטראפט אונז און אונזער לאנד נור צוליעב דיא יודישע חטאים, זייערע זינד ליידען מיר און אונזער לאנד.

אלס זייערע רייד האבען געהערט דיא מיטגליעדער פון כת הדורשים (Mitgliedern des Praedicanten Ordens) וואס ווערען גענענט פרידיקאדוריש (Predicadores) האבען זיא אנגעווענדעט אללע מיה עטוואס אנייעס צו אויסדיינקען כדי דיא כריסטען אין זייער בעהויפטונג צו אונטערשטיטצען. עס האט זיך איינער פון דער קירכע ערהויבען און האט געדרשת (געפרעדיגט) געגען דאס יודישע פאלק איינע ביטערע שארפע הארטע

*) דאס הייסט: ווייל עס איז קיין רעגען געגאנגען, דיא ערד איז געווען טראקקען, האט קיין תבואה געוואכסען.

יהלו"ם.

שפיטציגע רעדע. אויך האבען זייא געמאכט איינע
ערפינדונג, פאלגענדע ארט, זייא האבען פארפערטיגט
נאמליך: אפוסטען בילד (Hohles Crucifix) וואס אויף
דער ריקזייטע האט איינע אפנונג, אונ דער ברוסט
איז געוועזען פון גלאז. זייא האבען פאר בייא דעם
בילד פארביינגעטראגען אברענענדע ליכט, אונ האבען
געזאגט דאס פון דעם גרוציפיקס שטרעמט פייער,
דאס גאנצע פאלק איז געפאלען אויף זייער פנים צו
דער ערד, אונ זייא האבען גערופען: זעהט יענעם
גרויסען וואונדער, דאס איז אבעוויז (צייכען) דאס
דער הערר גאטט וועט דורך פייער דיא גאנצע יודישע
נאטציאן משפטן (ריכטען).

גראדע איז דארט געקומען א געטויפטער יוד
(Scheinchrist) וועלכער האט זייערע רייד ניט געהארט.
האט ער בתום לבבו (איינפאלט זיינעס הערצענס)
בעמערקט: עס וואלט פיעל ליעבער בעססער אונ
נוטצליכער געוועזען, ווען אוואונדער זאל געטהון ווערען
דורך וואססער אונ ניט דורך פייער, דען אין אזא
טרוקענע צייט האבען מיר דאס וואססער זעהער
נאטהיג.

וויא ער האט דאס ארויסגערעדט פון זיין מויל,
האבען זיך ערהויבען דיא כריסטען וועלכע האבען
בעאבזיכטיגט שלעכטעס אונ האבען געזאגט: זעהט!
דער שפאטעט פון אונז! אונ זאגלייך האט איהם

דאס פאלק הינאוים געשלעפט און זייא האבען איהם געהרגת (געטאדטעט).

אלס זיין ברודער האט דאס געהארט איז ער שנעל געקומען צו איהם און האט געזאגט: וועהע, וועהע, מיין ברודער, ווער האט דיך געטאדטעט? איינער פון פאלק מיט אשווערד אין האנד האט געהארט זיינע רייד, איז ער צוגעלאפען און האט איהם זיין קאפף אבגעהאקט, און האט איהם ארויפגעווארפען אויף זיין ברודערס קארפער.

באלד נאכדעם האבען זיך אלע גייסטליכע ערהויבען, גענומען אין האנד אהייליגען בילד, זייא זיינען געגאנגען אין דיא גאססען (שטראססען) דער שטאדט און האבען גערופען: ווער עס וועט טאדטען א יודען, דעם וועט מען אויף יענע זייט (עולם הבא) פערגעבען זיינע זינד פון הונדערט טאג *) פיל פון פאלק זיינען אויפגעשטאנען מיט דעם שווערד אין האנד, און אין דרייא טאג צייט, האבען זייא געהרגת דרייא טויזענד יודען, נאכדעם האבען זייא אוועקגעשלעפט דיא יודען אויף דעם מארקפלאטץ און האבען זייא פארברענט. אויך פיעל שוואנגערע פרויען האבען זייא ארויסגעווארפען

*) ד. ה. וואס ער האט אין אצייט פון הונדערט טאג געזינדיגט.

יהלו"ם

דורך דיא פענסטער און אונטען אויף דער ערד האבען
זייא געהאלטען שפיזען אין דיא האנד. דיא שוואנגערע
פרויא פלעגט פאלען אויף דיא שפיזען, זייא פלעגען איהר
אויפרייסען דעם בויך און דאס קינד (דער ולד,
לייבעספרוכט) פלעגט הינוועגשפרינגען מעהרערע איילען
וייט. נאך אנדערע גרויזאמקייטען און שאנדטהאטען
האבען זייא בעגאנגען, וועלכע עס פאסט ניט, עס
איז שאנדע צו ערצעהלען. — אייניגע מיינען דאס דיא
שנאה פון דיא כריסטען געגען דיא יודען האט געשטאמט
דורך א יודען, ער איז געוועזען א מומר (צאללפעכטער)
מען האט איהם גערופען מאשקרינייאש (Mascarenhas) און
ער האט זיך בעגאנגען געגען דיא כריסטען זייער
שטאלץ, ער האט פאר זייא געמאכט נייע געזעטצע,
זיינען דיא כריסטען אין כעס געוועזען אויף איהם,
האבען זייא אויסגעלאזען זייער כעס צו אללע יודען,
אבעוויז אז דאס איז ריכטיג זעהט מען דאס וויא
זייא האבען דעם מאשקרינייאש געפונען, האבען זייא
מעהר קיינעם ניט געהרגת, דיא ריכטער אין לישבונא
(Lissabon) האבען אבער אין דער רציחה אזויא ווענינ
שולד וויא דיא פירסטען און דיא אבריגקייט. דיא
כריסטען האבען דיא רציחות געגען זייער ווילען געטהון,
זייא האבען זאגאר צור רעטטונג דער יודען אנגעווענדעט
פיל מיטלען, גרויסע קראפטע, זייא האבען אבער
ניט געקאנט בייא דעם פאלק בעהויפטען. דאס פאלק
האט זייא ניט געפאלגט, דאס פאלק האט זייא אליין

געוואלט הרגנען, זייא האבען געמוסט פון זייא אנטלויפען, כדי זייער לעבען צו רעטטען. דער קאניג פון פארטוגאל וואר אבער איין פראמער קאניג, ער איז אין יענער צייט ניט געוועזען אין דער שטאדט, אז ער האט געהארט וואס עס איז פארגעפאללען, האט ער בעוויינט אונ בעקלאגט דאס אונגליקק, ער איז זאפארט געקוממען נאך דער שטאדט. ער האט געמאכט איינע טיכטיגע אונטערזוכונג, אונ ער האט ארויסגעפונען דאס דיא גאנצע צרה שטאמט פון דיא גייסטליכע, האט דער קאניג בעפוילען דאס דיא קירכע פון וועלכע יענע צרה איז ארויס, זאל מען איהר צורייסען, אבער דיא פירסטען האבען ניט געוואלט צולאזען טהון אזא זאך, אונ אז דער קאניג האט דעם בעפעהל געגעבען דאס מען זאל טאדטען אללע מארדער אונ ראטהגעבער, האבען איהם זיינע יועצים געצייגט איין קאניגליכע געזעטץ: ווען עס מאכט זיך א פארברעכען וועלכע איינע פאלקסמענגע פון פונפציג מענשען אונ מעהרער האבען געטהון, דארף מען נור בעשטראפען צום טויט דיא וועלכע עס האבען געבראכט דערצו. דיא אנפיהרער אנגעשטיפטער זייא קומט מיתה, דער קאניג האט געלאזט ערגרייפען דיא גייסטליכע אונ האט זייא פעראורטהיילט צום פייערטאדט.

אויך דיא שטאדט לישבונא וואס אללע מאל האט מען איהר גערופען דיא אללערגעטרייעסטע שטאדט,

האט דער קאניג בעפוילען דאס דרייא יאהר צייט זאל מען איהר רופען מורדת (אבטריניגע שטאדט).

הערת המעתיק:

לצנות איז אגרויסער פארברעך, מפרט מאכען לצנות פון יענעמס גלויבען, דאס איז זייער געפעהרליך, אויף קיין זאך קאן זיך א מענש אזויא פיעל ניט אויפרעגען, וויא ער רעגט זיך אויף ווען ער הארט איינער מאכט איהם פאר אשוטה פאר וואס ער גלויבט אין א מופת אז דאס איז אמת, עס איז ניט גלייך ווער דער לאכער איז אונ פון וועמען ער לאכט אונ פון וואס ער לאכט אונ אין וועלכע צייט אונ אין וועלכען ארט ער לאכט. דערפאר איז קיין וואונדער דאס דעם געטויפטען יודען האבען זייא געהרגת. וואס זיינען אבער שולדיג געוועזען דיא איבריגע יודען? זייא האבען דאך ניט געלאכט, פאר וואס האט מען זייא געהרגת אונ בערויבט? דערפון זעהען מיר דאס יענע כריסטען האבען נור געזוכט אבלבול אויף דיא יודען, אמת, דיא יודען האבען ניט געזינדיגט, אבער זייא האבען דאך גאלד, זילבער אונ פיעל חפצים, דאס אליין איז דענסטמאל געוועזען אפארברעכען, פאר וואס זייא האבען אפארמעגען אונ זייא (דיא כריסטען) האבען דאס ניט, נור אויף יעדען פאל קאן מען זיך אמוסר השכל אבלערנען: פון יענעם ניט צו לאכען,

מפרט וואו יענער איז פיעל שטארקער אונ זיין וואונש איז צו געפינען אויף יענעם עפעס אשטיקעלע קליינינקע אורזאכע...

טז.

אנייער עלילת דם.

אדער:

דאס קינד איז לעבעדיג געווארען.

אז חלף רוח ויעבר ואשם זו כחו לאלהו.
(חבקוק א׳ י״א)

איך האב געהערט דאס איינגע (כריסטען) אין שפאניען זיינען געווארען אויפגעבראכט אויף דיא יודען, דער בלבול איז געוועזן וואס מען האט גע-פונען אקינד אין אהויז איינעם יודען אגהרגת׳ן, אונ זיין הערץ איז געוועזן אויסגעריסען, דיא כריסטען האבען בעהויפטעט דאס דיא יודען האבען זיין הערץ ארויסגענוממען כדי דאס צו געברויכען אויף פסח.

אין יענער צייט איז דארט געקוממען דון שלמה הלוי (Don salomo he Lewi) ער איז געוועזן אחכם (Gelehrter) אונ אמקובל (Kabbalist) ער האט ביא דעם

געהרגתן קנאבע אונטער זיין צונג ארונטערגעלעגט א שם (גאטטעס נאמען) דער קנאבע איז ווידער צו זיך געקומען (ער איז לעבעדיג געווארען) אונ האט אויסגעזאגט ווער עס האט איהם געטאדטעט אונ ווער עס האט איהם דאס הערץ ארויסגענומען כדי די ארעמע יודען צו בעשולדיגען.

איך האב די געשיכטע ניט געזעהען אויפגעשריעבען זאנדערן נור געהארט ערצאהלען.

הערת המעתיק:

שלמה המלך זאגט: את זה לעמת זה עשה האלהים (קהלת ז׳ י״ד) דערמיט איז פארענטפערט די הארבע קשיא פאר וואס אמאל האטמען געזעהען גרויסע נסים אונ היינט אין אונזערע צייטען זעהט מען ניט אזעלכע נסים, נור דער פסוק פארענטפערט די קשיא. אמאל אז יודען האבען געהאט גרויסע צרות, וויא אין מצרים, האט גאטט מיט זייא גרויסע נסים געטהון, היינט אבער האבען יודען אין רוסלאנד קיינע צרות. בריך גאטט ניט ווייזען זייא זיינע גרויסע אפענע נסים, אונ ווען איינער וועט פרעגען: פאר וואס די יודען אין מאראקא, פערסיא אונ רומעניע זעהען ניט אזעלכע נסים וויא אמאל, זייא האבען דאך יא גרויסע צרות, קאנען מיר דארויף ענטפערן: דאס באמת טהוט גאטט מיט

זייא גרויסע נסים וויא אמאל, נור בייא יענע פארצייטיגע יודען איז געוועזען ליכטיגע אויגען, האבען זייא געזעהען דיא נסים באספקלריא המאירה. אבער בייא דיא היינטיגע יודען אין יענע לאנדער זיינען דיא אויגען אביסעל פארשטעלט, זעהען זייא ניט דיא נסים וואס גאטט טהוט מיט זייא אפשר ניט קלענערע וויא אמאל, דער וואס האט — אדער ער וועט לעזען דעם גאנצען בלבול — פון אנפאנג ביז ענדע, וואס האט געטראפען אין טיסע עסלער, אדער דיא גאנצע געשיכטע מיט דעם יודען דרייפוס דעם קאפיטאן אין פראנקרייך, וועט מוזען מודה זיין אז מיר זאגען ריכטיג, דערפאר וואונדערן מיר אונז גאר ניט אויף דיא אללע נסים וואס עס גע-פינט זיך אין אלע היילינע ספרים אונ אויך אין דעם טהייערן היסטארישען ספר „שבט יהודה".

פה מצאתי מקום, דא האב איך געפונען א נארט אגוטע געלעגענהייט אויפמערקזאם צו מאכען דיא אללע וואס זיינען חוקרים אונ מבקרים, אויך דיא אללע וואס האבען אטעות, זייא מיינען אז זייא זיינען חכמים אונ קריטיקער, זייא ווילען יעדען נס מקרב זיין אל השכל, אונ דעם נס וואס זייא גע-פינען ניט אין איהם אדרך הטבע, ווילען זייא איהם גאנצליך אבלייגנען. זייא גלויבען ניט אין למעלה מהטבע, דיא חוקרים וויל איך נור פרעגען אקליינינ-קייט: ... וויא אזויא פארשטייען זייא צו מאכען

אגרענעץ ביז וואנען זייא רופען „טבע" און פון וועלכען ארט עס פאנגט זיך אן „למעלה מהטבע"?. וויא וויט אונזער שכל ווייזט אונז פארשטייען מיר ניט דיא טבע אליין. וויא אזויא למשל: דער מענש לעבט און וויא אזויא ער בעוועגט זיינע גליעדער, וואס דארויף האט דער געטטליכער פילוסוף געזאגט ומבשרי אחזה אלוה (איוב י"ט כ"ו) ד. ה. ווען איך זעה מיין פלייש וויא דאס לעבט, זעהע איך דיא געטליכקייט, וויא באלד אז אזויא, האבען מיר אונז ניט וואס צו וואונדערן זיך אויף אללע „נסים" וואס חכמים און בעלי מקובלים ווייזען אפט-מאל, כדי דערמיט צו רעטטען דעם פאלק ישראל פון אצרה, און מיר קאנען דייטליך זאגען: אז דאס וואס מיר רופען „נס" רופען זייא דאס — „טבע" און וואס מיר רופען „טבע" — איז דאס באמת גרויסע נסים ונפלאות. מיר רופען אזאך „טבע" נור דערפאר: וויל מיר זעהען דאס אפט און אונזערע אויגען זיינען דערמיט איינגעוואהנט, אבער דעם שכל דער-פון פאר וואס דאס איז אזויא און וויא אזויא דאס ווערט געטהון ווייסען מיר ניט, מיר קאנען נור זאגען הנסתרות לה' אלהינו, און דאס וואס ער רופט „נגלות" — פארשטייען מיר אויך ניט...

יז.

דער קדוש ן׳ ווירגא.

אדער:

די דרייערלייא טויבען.

כל הנמצא ידקר וכל הנספה יפול בחרב.
(ישעיה י״ג ט״ו).

אין דער גרויסער שטאדט שביליא (Sewilla) האט געלעבט הר׳ יודא ן׳ ווירגא ז״ל. (R. Juda Aben Verga gesegneten Andenkens) אלס די אינקוויזיציאן (Inquisition) איז דארט געגרינדעט געוואָרען האבען די בעוואהנער פון שטאדט געזאגט: ווען מען וויל וויסען ווער אונטער די אנוסים (Scheinchristen) איז זיך נוהג נאך דער יודישער רעליגיאן, דארף מען ערגרייפען (פעסט נעהמען) דעם הר׳ יודא ן׳ ווירגא, פון איהם וועט מען אלס געוויא ערפאהרען, דען אלע אנוסים בעאבאכטען זייער יודישע געזעטץ אונ אללע יודישע מנהגים דורך זיין אונטערשטיצונג, ער לערנט זיי צו האלטען די יודישע תורה, ער אָרדענט זיי אללע יודישע מצות.

הר׳ יודא ן׳ ווירגא האט אבער שוין פריהר —

בעפאר נאך די אינקוויזיציה איז דארט אהין געקומען —
געמערקט וואס עס וועט געשעהען, ער האט געשטעלט
אין זיינע פענסטער דריי פאאר טויבען, פון זייא
איז איין פאאר טויבען געוועזען געשלאכטעט און
אבגעפליקט דיא פעדערן, און אויף זייער האלז האט
ער געשריבען דיא ווארטער: דיעזע וועלען זיין דיא
אנוסים וועלכע עס וועלען צו לעטצט אנטלויפען. —
דאס צווייטע פאאר טויבען זיינען געוועזען אבגעפליקט
דיא פעדערן, אבער ניט געשלאכטעט. און דערבייא
האט ער בעמערקט: דיעזע וועלען זיין דיא מיטט-
לערע אנוסים. דיא דריטע פאאר טויבען זיינען נאך
געוועזען מיט פעדערן און לעבענדיגע, און דא האט
ער אנגעשריבען: דיעזע וועלען זיין די ערשטע אנוסים
וואס וועלען אנטלויפען. יענע אבער האבען דארויף
ניט געהערט, און זייא האבען געהאט דעם סוף וויא
ער האט געזאגט, זייא זיינען אריינגעפאלען אין אנ'-
אונגליק נאך א אונגליק. און פיעל פון דיא אנוסים
האבען ערליטען פון דעם פייערטאדט. זא דאס דאדורך
איז ערפילט געווארען דיא גזרה מן השמים (בעשלוסס
דעם הימעלס) ער זעלבסט איז אנטלאפען אין
לישבונא (Lissabon) דארט האט איהם דיא אינקוויזיציה
געפאנגען און האט איהם געפייניגט מיט גרויסע יסורים
(שווערע ליידען) כדי ער זאל אנגעבען (אויסזאגען)
ווער נאך עס לעבט מיט דיא יודישע רעליגיאן. ער
אבער עליו השלום (פרידע איבער איהן) איז בעשטאנען

דֶעם נִסָיוֹן (פְּרִיפוּנְג) אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע יְסוּרִים אִין קֶערְפֶּער, זכות כל הקדושים יעמוד עמנו (מֶעגֶע דָאס פֶּערְדִינְסְט אַלֶּער הֵיילִיגֶען אוּנְז בֵּייִשְׁטֶעהֶען!).

הערת המעתיק:

וִויא רִיכְטִיג שלמה המלך ע"ה זָאגְט: אֵין חָכְמָה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה' (משלי כ"א ל') אַט וִויא קְלוּג הר' יודא ז' וירגא אִיז גֶעוֶועזֶען וָואס אוֹיף אִיהם קָאן מֶען זָאגֶען „חכם עדיף מנביא" *) דָאךְ הָאט אִיהם נִיט גֶעהָאלְפֶען זִיךְ אַלֵיין צוּ רֶעטֶּען פוּן טוֹיט דוּרְךְ דִיא אִינְקְוִויזִיצִיה. וַוייל אַזוֹיא אִיז גֶעוֶועזֶען דִיא בֶּעשְׁטִימוּנְג גָאטֶּעס, וִויא דִיא גְמָרָא עֶרְצֶעהְלְט אוּנְז דָאס משה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט זו תורה וזו שכרה? א"ל שתוק, כך עלה במחשבתי לפני (מנחות דף כ"ט) אוּנ פַאר וָואס הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶעם סִימָן מִיט טוֹיבֶּען אוּנ נִיט מִיט אַנְדֶערֶע פֶּאגֶעל? ווייל דִיא יוּדֶען זֵיינֶען גֶעגְלִיכֶען צוּ טוֹיבֶּען וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט: משום דאמתילא כנסת ישראל ליונה וכו' אף ישראל אינן נצולין אלא במצות וכו'. (ברכות נ"ג).

---

*) בבא בתרא י"ב.

יח.

תּוֹכַחַת מְגֻלָּה.

אָדער:

צִדּוּק הַדִּין.

וְגַם אֲנִי נָתַתִּי לָהֶם חֻקִּים לֹא טוֹבִים וּמִשְׁפָּטִים לֹא יִחְיוּ בָּהֶם.
(יחזקאל כ׳ כ״ה).

אמר שלמה, עֶס שְׁפְּרִיכְט שַׁאלָאמַא: וֶוען אֵיינֶער וֶועט בֶּעטְרַאכְטֶען אוּנ בֶּעקְלֶעהְרֶען אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען דִּיא אַלֶּע צָרוֹת אוּנ יְסוּרִים מִיט דִּיא גְרוֹיסֶע מַכּוֹת וֶועלְכֶע דִּיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעלִיטֶען אוּנ אַרִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען אוֹיף זִיךְ, זָא וֶועט עֶר זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוּנ עֶס וֶועט אִיהם אוֹיפְפַאלֶען אוּנ עֶר וֶועט פְּרֶעגֶען: וָוארוּם דִּיזֶער גֶעוַואלְטִיגֶער אוּנ גְרוֹיסֶער צָארְן אִיז נָאר אוֹיף דִּיא יוּדֶען אוֹיסְגֶעגָאסֶען גֶעוָוארֶען אוּנ נִיט אוֹיף אַנְדֶערֶע פֶאלְקֶער וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט פִיל מֶעהר וְויא דִּיא יוּדֶען? אוֹיף דִּיא פְּרַאגֶע אוּנ אוֹיף נָאךְ אַנְדֶערֶע פִיעל פְּרַאגֶען אִיז דֶער אַנְטְוָוארְט אִין אֵיין פָּסוּק נָאמְלִיךְ: רק אתכם ידעתי וגומ׳ (עמוס ג׳. ב׳) נור אַייךְ הָאבּ אִיךְ עֶרְקָאנְט פַאר אַלֶען גֶעשְׁלֶעכְטֶען דֶער עֶרְד א. ז. וו.

הירצו אבער קומען זעכס *) אור־זאכען וואס זייא האבען גורם געוועזען (פערא־נלאסט האבען) וואס אונז האט געטראפען, דיא ערשטע איז דיא זינד פון אונזערע פאטער, וויא אונזערע חכמים ז"ל האבען אונז מגלה געוועזען אונ זייא זאגען: וביום פקדי ופקדתי אין לך כל פקידה ופקידה וכו' *) אויך זאגט דער מקונן (עלעגישער דיכטער) אבותינו חטאו ואינם וגו' (איכה ה' ז') דאס איז טייטש: אונזערע פאטער האבען געזינדיגט, אונ זינד ניט מעהר, וויר אבער טראגען איהר שולד.

צווייטענס: ווען דער זכות (פערדינסט) איז ניט גרויס, צייגען זיך דיא ליידען אין גלות אלס נאטירליכע פאלגע, אטהייל אויס רעליגיאנסהאסס, אונ אטהייל אויס דעם פערלאנגען דעם הערשענדען צו מאכען אללע מענשען פון דער גאנצער וועלט זאל גלויבען וויא ער גלויבט, דאהער האבען אויך אונזערע חכמים

---

*) אין „שבט יהודה" זאגט ער זיבען, נאכדעם רעכנט ער נור זעכס, וואהרשיינליך איז דער צאהל זיבען א טעות הדפוס.

י. גירטעל.

**) אין גמרא שטעהט דער לשון אזויא: אין לך כל פורענות ופורענות שבאה לעולם שאין בה א' מכ"ד בהכרע ליטרא של עגל הראשון (סנהדרין ק"ב).

י. לעטריג.

געזאגט: וואָרום הייסט יענער בארג סיני? ווייל פון איהם איז געקומען די שנאה *) אונטער די מענשען. עס איז אָבער דאָס אום זאָ מעהר דער פאלל אַלס אונזערע רעליגיאָן האָט אונז פערבאָטען ניט צו עססען אונ ניט צו טרינקען צוזאַמען געמיינשאפטליך מיט ניט יודען, אונ דאָס ווייסען אַללע דאָס דער עססען אונ טרינקען צוזאַמען גאָהערט די הערצער צוזאַמען, וויא שוין אונזערע חכמים בעמערקען! גדולה לגימא שמקרבת את הרחוקים **) דער צוזאַמענעססען מאַכט אַגרויסען איינפלוסס.

די דריטע אורזאַכע איז: די בלוט פערגיסונג פון די פערשידענע סעקטעס בעת יודען זיינען געוועזען אויף זייער לאַנד אונ ניט אומזאָנסט האָט משה געזאָגט: הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלנו (שמות ח׳ כ״ב) דאָס איז טאַיטש: זיעהע! אָפפערטען וויר דען אַבגאָטט עגיפטענס פאַר איהרען אויגען, ווירדען זייא אונז דאַנן ניט שטייניגען?

---

*) מאי הר סיני? שירדה שנאה לאומות העולם עליו (שבת פ״ט).

יהלו״ם

**) אין תלמוד איז אַזויא געזאָגט: גדולה לגימה שהרחיקה שתי משפחות מישראל. שנאמר על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים. ורבי יוחנן דידיה אמר מרחקת את הקרובים ומקרבת את הרחוקים. וכו׳. (סנהדרין ק״ג).

ברוכי״ם

פיערטענס : אין דרייא פאללען צייגט זיך דיא קנאה (איפערזוכט) גאנץ בעזאנדער שטארק, דיא ערזטע : קנאת הדת ד. ה. אין בעציהונג אויף דיא רעליגיאן, דאס צווייטע: קנאת נשים (אויף דיא פרויען) אונ דריטענס : קנאת ממון (אויף דאס פארמאגען) דיא אללע דרייא פאללע געפינדעט זיך אבער ביא דיא יודען געגענאיבער דען איבריגען פאלקערן, דען שוין האבען זייא אין שפאניען אלס געוואנהייט אנגעפאנגען צו ריכטען זייערע אויגען אויף דיא טאכטער פון לאנד, אונ מעהרערע יודען האבען זיך דאס ערלויבט אינדעם זייא דאכטען דאס דארויף נור דיא שטראף פון מלקות (קארפערליכע ציכטיגונג) אהנע דארויף צו אכטען כי קנאים פוגעים בו, דאס הייסט : דיא מענשען וועלכע פיר דיא רעליגיאן איפערנדען : דארפען איהם טאדטען, אונ לויט דיא קבלה קומט דאפיר כרת (שטראפע דער אויסראטונג) צו אללען אנדערן קומט אבער הירביא נאך דיא, נאמליך : ווען דאס פרויענצימער ווירד שוואנגער אונ זיא געבארט איין קינד וואס ווערט פון איהם ? ער איז ניט איוד ער געהארט איין פרעמדען נאטציאן.

דיא קנאת ממון : דער נייד יעדאך אויף איהר פערמעגען האבען דיא יודען געצויגען אויף זיך דורך זייערע בעשאפטיגונגען אונ דען האנדעל, מיט זייערע מלאכות אונ מסחרים דאס הויפט, ווען מען האט

געפונען איין יוד האט געגנבת אדער געגזלת *) האט מען געווארפען דעם שולד אויף אללע יודען, וויא דער שטייגער איז, דאדורך איז געווארען דער שם שמים מתחלל, אינדעם מען האט געזאגט דאס דיא יודען האבען קיין רעליגיאן, וויא דער מהר"ם מקוצי (R. Moche aùs Coucy) שרייבט (בעמערקט) דאס ווען זיך נור דאס איינע זאלל זיך געפינען אין מיטען אונזער פאלק, ווערט זיין היינבייכענד אונזער גלות צו פערלאנגערן אונ אזויא האט געזאגט דער נביא: שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב (צפניה ג׳ י״ג) דאס איז טאיטש: דער איבערעשטע איזראעלס זאלל קיין אונרעכט טהון אונ קיין ליגע ריידען.

דיא פינפטע אורזאכע איז, נעמליך: וואס דאס פאלק האט זיך געוואהנט צו שווערען פאלש. אונ ז׳ עזרא (Aben Esra) שרייבט דאס דיזעס אליין איז שוין געניגט אונזער גלות צו פערלאנגערן.

דיא זעכסטע איז דער שטאלץ וואס אביסעל יודען פון אונזער פאלק האבען אנגעפאנגען צו שטאלצירען געגען דיא קריסטליכע בירגער, וואס באמת זיינען זייא

*) דעם אויסדריק „געגזלת" קאן איך ניט בעגרייפען, וויא קאן דאס זיין א יוד אין שפאניע זאל גזלן? נור וואס האט מען שוין אויף דעם יודען ניט געזאגט?...

י. גירטעל.

דאך דיא הערען פון לאנד , ומצד הגאוה האט געטראפען אין דעם זעלבינגען יאהר וואס מען האט דיא יודען פאר־טריבען פון שפאניען . דעם לעטצטען יום כפור האט מען זיך צוקריעגט אין שול איבער דיא פלאטצער , דיא צאנקעריא איז געקומען דערצו : דאס יעדער האט געהאפט אבערענעדע ליכט צו שלאגען דערמיט דעם אנדערן , און נאך אזעלכע שוידערהאפטע געשיכטען וואס האט געטראפען , צדיק הוא ה׳ , גערעכט איז דער הערר גאטט ! — .

הערת המעתיק :

פיעל מענשען פראגען אהארבע קשיא . פאר וואס ביא קיין אומה ולשון טרעפט ניט אמחלוקה אין זייערע געבעט הייזער , נאר ביא דיא יודען קומט פאר פיעל מאל אצאנקעריא איבער אפלאטץ אין בית המדרש , איבער אנ׳עליה , איבער אנאנדער כבוד , וואס איז דיא סבה דערפון ? אויף דיא קשיא קען מען ענטפערן עטליכע תירוצים , ערשטענס וויל קיין אומה ולשון פארברייגנט ניט אזויא פיל צייט אין זייערע געבעט הייזער וויא דער יוד , צווייא חלקים צייט פון זיין לעבען פארברייגנט ער אין בית המדרש , דערפאר וויל ער דארטען זיין וויא צו הויזע . .. און אז איינער שטערט איהם זיינע פערגניגען , וויל יעגער וויל זיך אויך מאכען בעקוועם ... ווערט דער פון אמחלוקה .

אצווייטען תירוץ קאן מען זאגען: אללע געבעט הייזער בויט די רעגירונג אויף איהרע קאסטען, די רעגירונג צאהלט די גייסטליכע, דערפאר האבען די קירכען בעזוכער קיין דעה ניט, ניט אזויא זיינען די יודישע שולען, דער יוד בויט זיינע געבעט הייזער אויף זיין אייגען רעכנונג, ער צאהלט געלד פאר אלס, דערפאר וויל ער דארט זאגען אדעה, און דערפון קומט ארויס אמחלוקה.

אדריטען תירוץ קאן מען זאגען: יעדער קריסט קומט אין דער קירכע נור גאטט בעטען ער זוכט דארט קיין „בירגער כבוד". ווייל דאס האט ער צוהויז, און אויף דער גאסס, ניט אזויא איז דער יוד, זיין גאנצע פערגניגען געפינט ער אין שול, דארט האט ער, אדער ער זוכט, אגוטע געלעגענע צייט צו ווייזען אז ער איז אויך אמענש מיט אהארץ פאל געפיל, עס ווילט זיך איהם כבוד, דערפאר ווערט אמחלוקה.

אפיערטען תירוץ קאן מען זאגען: דער קריסט (די זעלביגע אנדערע רעליגיאנען) ווייסט ווען ער וועט מאכען אין דער קירכע דעם קלענסטען שקאנדאל וועט ער דערפאר הארט בעשטראפט ווערען פון די רעגירונג, און דער יוד ווייסט אז פון חדר טאר מען ניט אויסזאגען...

נור די עטליכע חטאים וואס דער מחבר פון

„שבט יהודה" רעכענט אלס תירוץ אויף זיין פראגע: פאר וואס האבען יודען אזויא פיל צרות געליטען. דיא תירוצים זיינען — נאך מיינער מיינונג — ניט גענוג היגרייכענד צו פאר ענטפערן דיא גרויסע וויכטיגע פראגע. — דאס איז אמת למשל: יום כפור ביא נאכט זיך שלאגען אין שול מיט ברענענדע ליכט פאר אשטיקעל כבוד, איז ווירקליך אנארעשע דומע עולה, נוא דערפאר האט זיא גאטט אזויא הארט בעשטראפט? אונ וואס זיינען שולדיג דיא יודען וואס האבען דאס ניט געטהון?! נאך מעהר וואונדער איז דאס אין שבט יהודה ערשטען חלק קאפיטעל ניין וואס ווערט גערופען „אמתע אלטע בלבולים" האט דער קאניג אלפונשו גערעכענט דיא יודישע חטאים ניט דיא זעלביגע, נור גאר אנדערע, זעהען מיר דערפון אז וויא דער יוד טהוט איז שלעכט, למשל: ווען ער געהט אנגעצויגען אין גוטע קליידער, ווערען דאך דערפון דיא פאבריקאנטען רייך אונ דיא ארבייטער פארדינען זייער לעבענסמיטעל, דורך דעם יודישען לעבען ווערט דאך גרויסע געשעפטען, דאס איז אבער קיין תירוץ ניט, דערוויל טראגט דער יוד שאנע קליידער, האט ער הגאה פאר זיינע שלעכטע רובל, אונ אז דער יוד ועט זיין קארג, וועט ווייטער ניט טויגען, ער איז געוועזען אין שפאניע אשטיפקינד, דערפאר וויא ער האט געטהון איז געוועזען ניט גוט, ניט קלוג, ניט שאן, ניט... אונ ניט... דערפאר דארפען מיר

דאנקען גאטט וואס ער האט אגרויסע טהייל יודען באזעטצט אין רוסלאנד, וואס דיא רעגירונג רעכנט אונז ניט וויא פרעמדע, ניט וויא שטיפקינדער און מיר דארפען מתפלל זיין צו גאטט ער זאל אונז שיקען משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

יח״ם מזח.

צווייטער טהייל.

מִי יִתְּנֵנִי כְיַרְחֵי קֶדֶם
כִּימֵי אֱלוֹהַּ יִשְׁמְרֵנִי.
(איוב כ"ט ב')

דיא יודישע נשיאים

אין דעם קונטרס ווערט געשריבען פון דעם פאר־אד וואס יודען (אונ ניט יודען) האבען געמאכט אין בבל אונ פרס בעת זייא האבען אויפגענומען א נשיא וואס ווערט גערופען עקסעלפירסט (Exilfürst) אונ אויך דיא אורזאכע ווארום דאס איז נאכדעם בטל געווארען.

איבערזעטצט פון „שבט יהודה" אונ צוגעגעבען אנמערקונגען פון

יהושע מוח.

אינהאלטס פערצייכניס:

צו דיא לעזער 118

דיא יודישע גדולה. אָדער:
דער נשיא 119

דער פאראד. אָדער:
דיא קהלישע דיענער 120

דיא הייליגע עבודה. אָדער:
דיא גרויסע סעודה 122

דער פאראד אין שול. אָדער:
דיא שטילע תפלה 127

לוסטיג און פראָהליך. אָדער:
אבעזונדערע ברכה 131

כבוד המלך. אָדער:
דער שטאאטס וואָגען 133

לפני מלכים יתיצב. אָדער:
דער נשיא אין קאָניגליכען פאלאץ 136

הבה נתחכמה. אָדער:
דער טיראנישער בעשלום 138

בטל דיא נשיאות. אָדער:
דער כתב פון דיא זרע דוד 141

צו דיא לעזער.

מִי יִתְּנֵנִי כְּיַרְחֵי קֶדֶם
כִּימֵי אֱלוֹהַּ יִשְׁמְרֵנִי.
(איוב כ״ט ב׳)

דער געגענווארטיגער ספור איז אזויא שטארק אינטערעסאנט און וויכטיג, אז ער האט אויף אונז געמאכט אגרויסע ווירקונג. דאס טרעהרען האט געפליסט פון אונזערע אויגען בעת מיר האבען איהם איבערזעטצט, מיר האפפען דאס ער וועט מאכען אזא גוטען איינדרוק אויף דיא לעזער, און זייא וועלען דאנקען דעם ארויס־געבער אויך דעם איבערזעטצער

שר—של—ים.

וְאַתָּה שָׂא קִינָה
אֶל נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל.
(יחזקאל י"ט א')

א.

דיא יודישע גדולה;

אדער

דער נשיא.

(אזויא גוט וויא אפארערע פון מחבר)

אמר שלמה, עס שפריכט שאלאמא (דער מחבר פון „שבט–יהודה") עס שיינט מיר צוועקקמאססיג אין דעם ספר צו בעשרייבען וויא עס איז געוועזען אין בבל אונ אין פרס דער סדר הנשיאים. דאס הייסט: דער פאראד וואס מען האט געמאכט בעת מען האט אויפגענומען אנשיא וואס ווערט גערופען עקסילפירסט (Exilfürst) אונ אויך דיא אורזאכע ווארום דאס איז בטל געווארען, דאס געהערט אויך צו אונזערע צרות (ליידענס-געשיכטע) דורך דעם וועט אויך בעקאנט ווערען דעם גלאנץ אונ דיא הערליכקייט פון אונזער נאטציאן בעת עס איז נאך געוועזען אשפור פון אונזער הערשאפט. דעם ענין אונ דיא גאנצע בעשרייבונג

האב איך געפונען אין דיא תשובות הגאונים זכרונם לברכה.

ב.

דער פאראד

אדער

דיא קהל'שע דיענער.

אין דער צייט וואס יודען האבען געוואלט מאכען פאר זיך אנשיא, וואס איהם האט מען גערופען „נשיא" אונ אויך „ראש הגולה", האבען זיך פערזאמעלט אללע ראשי ישיבות (הויפטער דער אקאדעמיען) אונ דיא ראשי_עם נדיבים (דיא שפיטצען דעם פאלקעס) דיא אנגעזעהענסטען, דיא זקנים אונ שופטים (עלטעסטען אונ ריכטער) פון גאנצען לאנד, זייא אללע זיינען געקומען אין בבל (Babylon), דארט האט מען געהאלטען בערייט אגרויסע הויז מיט שש ורקמה (זיידענע אונ בונטע טעפפיכען) אויסגעלייגט, דארטען האט מען געשטעלט זעססעל (שטיהלע) פיר אללע הויפטער דער אקאדעמיען אונ פאר אללע געלעהרטע אונ אלטעסטען אונ איין בעזאנדערס פראכטיגע שטוהל איז געוועזען צובערייט

פיר דעם נשיא, און נאך צוויא אנדערע שטיהלע, איינער פון רעכטער האנד און דער צווייטער פון לינקער האנד פאר דעם ראש ישיבה פון סורא און פאר דעם ראש ישיבה פון פומבדיתא, אלסדאן האט זיך געשטעלט דער ראש (איבערהויפט) פון סורא און האט געזאגט דעם נשיא דברי תוכחה: נאמליך: דאס ער זאל ניט זיין שטאלץ און ער זאלל זיך ניט ערהעבען געגען זיינע ברידער, וייל מען גיט איהם נור איין עבודה (דיענסט) און קיין הערשאפט, דען עס הייסט אם היום תהיה עבד לעם הזה וגומ' (מ"א י"ב ז') דאס איז טייטש: ווען דוא הייטע איין קנעכט ביזט דיעזעם פאלק. א. ג. וו.

הערת המעתיק:

וויא טיפזיניג און קלוג אונזערע חכמי התלמוד האבען יעדען געגענשטאנד בעטראכט בארעכנט און בעקלעהרט, אט למשל געגען דעם ענין זאגען זייא אגוט ווארט, ווזה לשונם: אמר להם כמדומין אתם ששררות אני נותן לכם? עבדות אני נותן לכם וכו' *)

*) הוריות דף י'.

ג.

דיא הייליגע עבודה:

אדער

דיא גרויסע סעודה.

אם דאנערשטאג זיינען אללע געגאנגען אין שול (סינאגאגע), דארט זיינען געקומען אויך דיא ראשי ישיבות, זייא האבען געלייגט זייער האנד אויף איהם. מען האט געבלאזען מיט דיא חצוצרות (טראמפעטען) אונ מיט א שופר, מען האט איהם געזעגענט אונ מיט א קול רם (לויטער שטימע) האבען זייא צו איהם געזאגט: עס לעבע אונזער הערר דער נשיא אויף עוויג! ער איז אונזער פירסט. ער איז דער ראש הגולה אונ דער ראש גולת ישראל, נאכדעם האט מען איהם בעגלייט נאך הויזע אונ דארטען האט מען נאך איין מאל געבלאזען אין דיא טרומפעטען אונ מען האט איהם מתרה (ווארענט) געווען דאס ער זאל זיך נוהג זיין מיט יושר אונ צדק (רעכטליך) מיט משפט (גערעכט) אונ מיט מישרים (וואקקער), אויך מיט קלוגהייט אנשטענדיג אונ מיט סבלנות (לאנגמוטה) אונ ער זאל זיך פריהער פארשטעלען

און טראכטען: ווען אפילו דיא יודען וועלען זיין טרחנים און רגזנים. דאס הייסט: דאס פאלק וועט איהם מיהע בערייטען, זאל ער ניט אין כעס ווערען, אויף דעם אופן (ארט), זאל ער זיין עבודה (דיענסט) איבערנעהמען, דען דאס איז עבודת שמים, איין דיענסט דעם הימעלס (היילינע דיענסט), דען ווען אונזערע אנפיהרער זיינען נאכזיכטיג, ווען זייא קאנען אלס איבערטראגען, זייא פארשטייען אלס צו ערטראגען רוהיג, זא ענטשטעהעט ניט קיין ברוך און קיין טרעננונג.

נאכדעם האבען זייא דעם נשיא פערלאזען און זייא זיינען פון איהם אוועקגעגאנגען.

אין דעם זעלביגען טאג האט יעדער נאך זיין פערמעגען געשיקט מתנות (געשענקע) דעם נשיא, זילבער גאלד און אנדערע חפצים. נאכדעם האט דער נשיא צובערייט אגרויסע סעודה אויף שבת, דען אין יענעם שבת האבען מיט איהם צוזאמען געגעסען דיא ראשי ישיבות און דיא זקנים פון שטאדט און דיא אנגעזעהענע פון מלוכה (דיא בעאמטע) וועלכע דארטען זיינען געוועזען.

הערות המעתיק:

הנם יעדער פארשטעהט דאס א נשיא האט מען אויסגעוואהלט דעם גראסטען צדיק פון יענעם

דור, דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען אַ חָכָם מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת. פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען אִיהם דִיא רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת גֶעזָאגְט תּוֹכָחָה, עֶס קָאן זַיין; דָאס זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעוָואלְט מְזַכֶּה זַיין מִיט דֶעם „אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים" *) אָדֶער זַייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט מְקַיֵים זַיין דֶעם פָּסוּק: הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חֵטְא, אוּנ עַל פִּי דרך הצחות קָאן מֶען זָאגֶען דִיא כַּוָונָה אִין דֶעם פָּסוּק: דוּא זָאלְסְט שְׁטְרָאפֶען דַיין חָבֵר וֶוען אֲפִילוּ „לא תשא עליו חטא" דוּא הָאסְט פוּן אִיהם קַיין חֵטְא נִיט גֶעזֶעהֶען.

אַז מִיר הַאלְטֶען בַּייא דֶעם פָּסוּק וֶועלֶען מִיר עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער זָאגֶען וָואס וֶועט זַיין—נָאךְ אוּנְזֶער מֵיינוּנג — אִינְטֶערֶעסַנְטֶע פַאר פִיל לֶעזֶער. אִין פָּסוּק שְׁטֶעהְט אַזוֹיא גֶעשְׁרִיבֶּען: לא תשנא את אחיך בלבבך. הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא (ויקרא י"ט י"ז) דִיא מְפָרְשִׁים פְרֶעגֶען: וָוארוּם שְׁטֶעהְט אַ דָאפֶּעלְטֶער לָשׁוֹן: „הוכח תוכיח"? נָאךְ אַ קַשְׁיָא: וִויא בַּאלְד מֶען בְּרוֹיךְ יֶענֶעם שְׁטְרָאפֶען, מוּז מֶען דָאךְ אִיהם זָאגֶען פַאר וֶועלְכֶען חֵטְא מֶען שְׁטְרָאפְט אִיהם, וִויא קָאן זַיין דֶער פַאל „ולא תשא עליו חטא"? נוּר ע"פ דרך הצחות קָאן מֶען אַזאַ כַּוָונָה זָאגֶען אִין פָּסוּק:

*) ר"ה כ"ה. „אִין גְמָרָא שְׁטֶעהְט אֲפִילוּ אַק"ו: קְטַנִים לִגְדוֹלִים... דֶער ק"ו אִיז פַאר אַרְב וָואס שְׁרַייבְּט אוֹיף זִיךְ „הַקָטָן".

יהלו"ם

ווען דער מוכיח ווייסט דאס יענער—ווען ער וויל שטראפען — וועט איהם ניט פאלגען, און ער וועט נאך ווערען אויף איהם אין כעס פאר וואס ער שטראפט איהם, דארף דער מוכיח זיך מתחכם זיין און זאגען צו איהם (למשל ראובן צו שמעון'ען) הער אוים שמעון, דוא זאלסט וויסען, אז לוי האט געטהון דיא און דיא עבירה (דיא זעלביגע עבירה וואס שמעון האט געטהון) נור ווען איך וועל איהם זאגען, וועט ער מיר ניט פאלגען, דארום איז אויסער דאס דוא זאלסט איהם מוכיח זיין, דיר וועט ער יא פאלגען, ווען שמעון הערט אזעלכע רייד פון ראובן'ען, וועט ער זיך שוין היטען, ער זאל נאך אמאל יענעם חטא ניט טהון, אט דאס מיינט דער פסוק: „הוכח" — ווען דוא ווילסט איינעם שטראפען, זאלסט דוא צו איהם זאגען: איך בעטע דיר — „תוכיח את עמיתך" — דוא זאלסט שטראפען דיין חבר, אבער — „ולא תשא עליו חטא" — אויף איהם (שמעון'ען) זאלסט דוא ניט זאגען דאס ער האט געזינדיגט — דאן וועסט דוא ערדייכען דיין פערלאנג. דאס שמעון וועט נאך אמאל דיא עבירה ניט טהון*).

נאך א כוונה קאן מען זאגען אין דעם פסוק,

---

*) דעם רעיון האב איך געהערט פון הרב המ"מ פה מפיק מרגליות בקש"ת מוהר"ר אליקים געציל לעוויטאן הי"ו. יהלו"ם.

נֶאמְלִיךְ: דָאס גְרֶאסְטֶע טְהֵייל מִצְוֹת „בין אדם לחבירו" זֶעהֶען מִיר דָאס יֶעדֶערֶער אִיז מְקַיֵים אויף אַגוּטֶען פְרַיינְד, אָבֶער נִיט אויף אַשׂוֹנֵא. לְמָשָׁל: דִיא מִצְוָה „בִּיקוּר חוֹלִים" צוּ וֶועלְכֶען חוֹלֶה קוּמְט מֶען זֶעהֶען וָואס עֶר מַאכְט? צוּ אַגוּטֶען פְרַיינְד, אָדֶער לְמָשָׁל „מְשַׂמֵחַ זַיין חָתָן כַּלָּה"? צוּ אַגוּטֶען פְרַיינְד, צְדָקָה גִיט מֶען אַנָארֶעמַאן וָואס מֶען הָאט אִיהם נִיט פַיינְד, נִיט אַזוֹיא אִיז דִיא מִצְוָה „תּוֹכָחָה". וֶוען זָאגְט מֶען יֶענֶעם דֶעם אֱמֶת דָאס עֶר אִיז אַלִיגְנֶער אַגַנָב א. ז. וו.? אִין דֶער צַייט וֶוען מֶען צַאנְקְט זִיךְ מִיט אִיהם. מֶען הָאט אִיהם פַיינְד, אָבֶער צוּ אַגוּטֶען פְרַיינְד וֶועט מֶען נִיט צוּ גֵיין זָאגֶען אִיהם: הֶער דוּא בִּיסְט אַגַנָב, אַלִיגְנֶער, אוּנ דָאס וָואס דוּא הָאסְט גֶעטְהוּן טָאר מֶען נִיט טְהוּן—. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק: לֹא תשנא את אחיך בלבבך. דוּא זָאלְסְט דַיין בְּרוּדֶער (כָּל יִשְׂרָאֵל וֶוערִין גֶערוּפֶען בְּרִידֶער) נִיט פַיינְד הָאבֶען אִין דַיין הֶערְצֶען, אָט דֶענְסְטְמָאל אַלְס גוּטֶער פְרַיינְד, הוכיח תוכיח וגומ' נִיט וִויא אַשׂוֹנֵא, נוּר וִויא אַגוּטֶער בְּרוּדֶער.

ד.

דער פאראד אין שול ;

אדער

דיא שטילע תפלה.

אם פרייטאג האט מען געבויט פאר איהם א מגדל (Tribüne) אין בית הכנסת און מען האט באדעקט מיט זיידענע און בונטע דעקען. און שבת פריה זיינען געגאנגען אלע ראשי ישיבות און דיא זקני העיר (אלטעסטע פון שטאדט) נאך זיין הויז און האבען איהם בעגלייטעט ביז דער סינאגאגע, ער איז געגאנגען פארויס וויא דער מנהג פון דיא מלכים און שרים צוגיין פאר דאס פאלק.

געהענדיג אין שול האט דער נשיא פארדעקט זיין פנים מיט אזיידענע טוך, כדי מען זאל איהם ניט זעהען, און וויא זייא זיינען געקומען אין בית הכנסת, האט דער חזן אנגעפאנגען צו זאגען: „ברוך שאמר" (געזעגענט זייא דער וועלכער שפראך) און דיא ראשי ישיבות האבען געענטפערט: „ברוך אומר ועושה" (געזעגענט זייא דער וועלכער פערהייסט און עס טהוט) דער חזן האט ווייטער געזאגט: „ברוך גוזר

ומקיים" (געזעגענט זיא דער וועלכער בעשליעססט און עס האלט) און יענע ערווידערן: „ברוך עושה בראשית" (געפריעזען זיא דער שאפפער אין אנפאנג) און אויף דיעזע ווייזע פארט (וויטער) ביז צו דער שטעללע „נשמת כל חי" (דיא זעעלע איינעם יעדען לעבענדען) א. ז. וו. נאכדעם האבען זיך פערזאממעלט אללע חזנים און אללע וואס האבען געקאנט און פערשטאנען צו זאגען, זיא האבען זיך געשטעלט ארום דעם מגדל און זיא האבען געזאגט דיא תפלה מיט אנגון, ביז מען האט ארויסגענומען דיא ספר תורה. נאכדעם האט מען דעם נשיא ארויפגעפיהרט אויף דעם מגדל, זיין פנים איז געוועזן צוגעדעקט, דארט זיינען אויך ארויפגעגאנגען דער ראש ישיבה פון סורא, נאך איהם דער ראש ישיבה פון פומבדיתא, דעם נשיא האט מען געלאזען זיך זעטצען אויף דעם שטוהל וואס איז געשטאנען אויף דעם מגדל, מען האט ארויסגענומען א ספר תורה פון היכל (לאדע) און מען האט איהר געבראכט (ארויפגעטראגען) אויף דעם מגדל און מען האט פון איהר פארגעלעזען, דער נשיא האט צוערשט פארגעלייענט, נאכדעם דיא ראשי ישיבות,

וויא מען האט געענדיגט לעזען (לייענען) האט דער נשיא מיט פערמאכטע אויגען אוים דעם כבוד התורה געדרשת (איינען פארטראג געהאלטען). אדער ווען ער האט געוואלט. האט ער דיא ערלויבניש

געגעבען דעם ראש ישיבה פון סורא, ער זאל דרשענען, ער האט געזאגט דברי כבושין און תוכחה (אמענגע איינדרינגליכע ווארטער דער ערמאהנונג) ער האט מעורר געווען אלעמעס הערצער, זייא זאללען געבען צדקה און נדבות וואס דיא תלמידים פון דיא ישיבות ברויכען, און ער פאנגט אן דער ערשטער מיט זיין נדבה, נאך זיין פארמעגען, וויפיעל ער קאן און האט ביכולות צו געבען, נאכדעם איז יעדער מנדר גרויסע נדבות לכבוד דיא תורה און לכבוד דעם נשיא, נאכדעם האבען זיך אללע געשטעלט און געזעגענט דעם נשיא, נאכדעם האט מען געזאגט „קדיש" און אז זייא זיינען געקומען צו דיא שטעלע „בחייכון (ווארענד איערעם לעבען) האבען זייא מוסיף געווען „ובחיי אדוננו נשיאנו ראש גולת ישראל" (און ווארענד דעם לעבענס אונזערעס הערן און פירסטען דעם איבערהויפטעס דעם עקסילס דער איזראעליטען) נאכהער האט זיך דער נשיא ערהויבען פון שטוהל, געשטעלט זיך אויף זיינע פיס און האט געזאגט אתחנה און א בקשה פון גאטט פאר יעדער כתה בעזאנדערס, און מפני הכבוד האט ער צו ערשט מתפלל געווען פאר דיא ראשי ישיבות, זייא זאלען בעגליקען אין זייער תורה. און זייא זאללען גוטע פארשריטע מאכען אין דעם שטודיעם דעם געזעטצעס און דעם תלמוד, נאכדעם האט ער תפלה געטהון פאר דיא מתנדבים בעם (פרייגעביגע אים פאלק) נאכדעם האט ער מתפלל

געווען פאר אלע עוסקים עם הצבור (דיא זיך מיט געמיינדעאנגעלעגענהייטען בעשעפטיגען) אונ דאן האט ער מתפלל געווען פיר יעדער פראווינץ בעזונדער, ער האט אין זיין תפלה געזאגט: דיעזע אונ דיעזע פראווינץ זאלל גאטט זעגנען אונ בעוואהרען פאר דעם שווערד, פאר דעם דבר (Seuche) אונ פאר אללען ליידען אונ אין אירען טאגען מעגע יהודה געהאלפען ווערען א. ז. וו.

דיא לעטצטע ווארטער פון זיין תפלה האט ער געזאגט מיט אפערשטיקטען קול (אנגעדאמפפטער שטיממע) כדי דיא פרעמדע (ניט יודען) זאלען ניט הארען אונ קענען דערפון גלויבען דאס מען ביטעט דיא ערנידרונג פון דיא הערשער, וויל דורך זייער ערנידערונג קאנען מיר בעשטעהען.

הערת המעתיק:

וואס פאר אשאנער מוסר עס ליגט אין דעם ספור בעהאלטען, דאס איז אגוטע לעהרע פיר יעדען מענשען, נאמליך: ער זאל זיין פארזיכטיג, ניט צו טהון אזא מעשה וואס זאל פאלען אויף איהם אחשד... אונ ער זאל ניט רידען צווייידייטיגע ווארטער ווען ער מיינט אפילו צום גוטען, נור דיא וואס הארען זיינע רייד קאנען דייטען צום שלעכטען. יעדערווארט וואס אמענש רעדט ארויס פון זיין מויל. מכרט אגרויסער

וויכטיגער פארנעהמער מאן. וואס אויף זיינע ווערטער מאכט מען פירושים... דארף זיין געוואויגען און געמאסטען און גוט בארעכנט. וויא דיא חכמים זאגען הרחק מן הכיעור ומן הדומה לו (חולין מ"ד) און שלמה המלך זאגט: נצר פיו שמר נפשו (משלי י"ג) אויך זאגט ער: מות וחיים ביד לשון (שם י"ח כ"א).

ח.

לוסטיג און פרעהליך.

אדער

אבעזונדערע ברכה.

נאך דער תפלה איז מען מיט איהם געגאנגען נאך הויזע, מען האט איהם געפיהרט מיט גרויס פאראד, מיט פיעל פרייד און מיט פערגניגען, אללע זיינען געוועזן לוסטיג פרעהליך.

וויא מען איז געקומען צו הויז האט מען איהם געזעטצט ביא דעם טיש אויבען אן, און מען האט מיט איהם צוזאמען געגעסען.

נאך דעם ענדיגען עססען האט מען געזאגט אין

ברכת המזון (טיש געבעט) אבעזונדערע ברכה פאר דעם נשיא.

פון יענעם טאג און ווייטער האט דער נשיא זיין הויז מעהר ניט פארלאזען. און בעשטימטע מענשען זיינען צו איהם געקומען מתפלל זיין אללע שבת אויף אגאנצע וואך.

הערת המעתיק:

ניט אין אלע מענשען קאן מען זיין אנגעטרויט, ניט אלע זיינען ווערט צו האבען די זכיה שטענדיג אריינצוגיין ביי אנשיא אין שטוב, וויל ניט אללע מענשען האבען ליעב שלום. עס זיינען פאראן אזעלכע לייטע וואס האבען א נאטור פון אשלאנג, זייא האבען פערגניגען צו בייסען יענעם אהן אשום אורזאכע, זייא האבען הנאה צו זעהען וויא יענער האט דורך זייא שמערצען, און זייא פרייען זיך ווען זייא קאנען אויספיהרען זייערע באזע געדאנקען יענער זאל דורך זייא באגראבען ווערן. וויא דער פסוק זאגט השמחים וגו' ישישו כי ימצאו קבר (איוב ג' כ"ב) דאס הייסט: זייא פרייען זיך ווען זייא געפינען אקבר יענעם צו בעגראבען, און וואו קאן מען געפינען אבעסערן ארט צו מאכען אינטריגעס, מחלוקת וויא ביי אנשיא אין שטוב?!.. דערפאר האט מען צו דעם נשיא אין הויז אריינגעלאזען יעדען טאג דאווענען נור בעשטימטע

מֶענְשֶׁען, וָואס מֶען קֶאן זַייא פַאר גוּטֶע, פְרוּמֶע, רוּהִיגֶע אוּנ אָרְדֶענְטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען, מִיט גוּטֶע חַארַאקְטֶערֶע וָואס דֶער נָשִׂיא זָאל דוּרְךְ זַייא קֵיינֶע פֶּערְדְרוּס הָאבֶּען אוּנ קֶאנֶען מִיט זַייא רֵיידֶען אוּנ זַיין אָן זַייא אַנְפֶּערְטְרוּיט.: דָאס קֶאן זַיין אַמוּסַר הַשְׂכֵּל פַאר דִיא יֶענִיגֶע רַבָּנִים אוּנ גוּטֶע יוּדֶען וָואס עֶר, וִיבֶּען זִיךְ אַרַיינְצוּלָאזֶען בַּייא זַייא לִפְנֵי ו, פְּנִים אכּת לִצְנִים וָואס דוּרְךְ זַייא וֶוערֶען דִיא רַבָּנִים אוּנ גוּטֶע יוּדֶען בֶּעלֵיידִיגְט אוּנ דִיא תּוֹרָה פַארְלִיהְרְט אִיהר גְלַאנְץ, דֶער חִלּוּל הַשֵּׁם וֶוערְט גְרוֹיס, אוּנ אוֹיף דֶעם זָאגְט שלמה המלך: זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח. (קהלת י׳ א׳).

ז.

כָּבוֹד הַמֶּלֶךְ.

אָדער

דֶער שְׁטַאאַטְס—וָואגֶען.

וֶוען עֶר (דֶער נָשִׂיא) הָאט גֶעוָואלְט (גֶעבְּרוֹיכְט) גֶעהֶען צוּ דֶעם קֶאנִיג מִיט אִיהם רֵיידֶען, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט . צוּ אִיהם זַיינֶעם אַמֶענְשֶׁען אַלְס שָׁלִיחַ צוּ

בעקומען פון דעם קאניג ארשיון (ערלויבניש). אויב דער קאניג האט געזאגט דאס ער גיבט איהם די ערלויבניש צו קומען ביי איהם האט דער קאניג געשיקט נאך איהם זיין מרכבת המשנה (שטאאטס-וואגען) כדי צו געבען כבוד (עהרע) די זרע (געשלעכטס) דוד'ס, וויל אללע נשיאים קומען ארויס (שטאמען) פון דוד המלך'ס קינדער. דער נשיא האט לכבוד המלך זיך ניט געזעטצט אין דעם שטאאטס-וואגען, נור ער איז געגאנגען צו פוס פארויס, און ער איז געוועזן אנגעקליידעט אין איין בונטגעווירקטעס געוואנד, און פופציג מאן זיינען געלאפען פארויס פאר איהם, אויך יעדער יוד וואס האט איהם געזעהען גייענדיג, האט ער איהם געמוסט בעגלייטען ביז דעם פאלאסט.

הערת המעתיק:

פון דער צייט וואס קאניגע רעגירען אויף דער וועלט. זיינען יודען געטרייע אונטערטהאנער. יעדער יוד דעם קאניג פון לאנד וואו ער וואהנט. צו יעדער צייט און אין יעדער געגענשטאנד צייכנען זיך די יודען אויס מיט זייער אמתע ליעבע צום קאניג, פאר דעם יודען איז קיין זאך ניט שווערער צו טהון אטובה די לאנד וואו ער וואהנט. עס איז פאר דעם יודען קיין זאך ניט צוטהייער צו אפפערן זיין געלד און זיין בלוט ווען דער קאניג פערלאנגט דאס פון איהם

לטובת המדינה, דער יוד איז זיך מוסר נפש פאר גאטט אין הימעל און פאר דעם קאניג אויף דער ערד. אויך דער נשיא וואס ער האט געהאט גרויס כבוד פון אלעמען. דער קאניג האט געשיקט נאך איהם זיין שטאאטס-וואגען, און פונפציג מאן זיינען געלאפען פארויס וואס דאס איז געוועזען א קאניגליכער כבוד וויא מיר געפינען אין הייליגען תנ"ך: ויעש לו אבשלום מרכבה וססים וחמשים איש רצים לפניו (ש"ב ט"ו א') דאס הייסט: אבשלום (דוד המלך'ס זאהן) האט פאר זיך געלאזט מאכען ארייטוואגען און פאר די פערד פארויס זיינען געלאפען פונפציג מאן, ווייל ער האט געגלויבט דאס ער וועט ווערן א קאניג. און דאך האט דער נשיא זיך ניט ערלויבט צו זעטצען אין שטאאטס-וואגען, ער איז געגאנגען צו פוס, דער-מיט האט ער געוויזען פאר אלעמען וויא קליין און נידריג ער שאטצט זיך געגען דעם קאניג, ער האט אפילו ניט די זכיה, ער איז ניט ווערט, זיך צו זעטצען אין שטאאטס-וואגען. —

ז׳.

לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב.

אדער

דער נשיא אין קאניגליכען פאלאץ.

וויא דער נשיא איז געקומען אין חצר המלך (קאניגליכען הויף) זיינען דיא קאניגליכע דיענער איהם ענטגעגען געקומען. אונ זיינען געלאפען פאר איהם, ביז ער איז געקומען נאהנט צו דעם קאניג. אונ דער משרת פון דעם נשיא איז געגאנגען פאר איהם מיט אבייטעל פול מיט גאלדשטיקע אונ ער האט דאס געלד געטהיילט דעם קאניגס דיענער.

וויא דער נשיא איז געקומען נאהנט צו דעם קאניג. האט ער געמאכט פאר איהם איינע פערבייגונג אונ איז געבליבען שטעהען אויף איין פוס, וויא דער מנהג איז געוועזען צו ווייזען דערמיט דאס ער איז איהם אונטערטהאניג. אונ ער שטעהט פאר איהם אזויא וויא אדיענער. נאכדעם האט דער קאניג געגעבען אצייכען זיינע דיענער, זייא זאלען דעם נשיא הייסען (בעטען) זיך אוועקזעטצען אויף דעם שטוהל וואס איז געשטאנען בייא זיין לינקען זייט.

דער קאניג האט אקליינע ווילע געשוויגען, דען אזויא איז געווען דער מנהג צו ווייזען זיין ווירדע, זיין גרויסקייט און זיין כבוד (עהרע). נאכדעם האט דער קאניג זיך געווענדעט מיט זיין פנים (אנטליץ) צו דעם נשיא און האט געזאגט:

— נשיא! וויא געהט עס דיר?

— גוט, גוט — האט דער נשיא דארויף געענטפערט, זא לאנג אונזער קאניג לעבט און זיין ליכטיגער פנים (געזיכט) קאן געזעהען ווערען.

— און וויא געהט עס דיין פאלק? — האט נאכדעם דער קאניג איהם געפראגט.

דער נשיא האט געענטפערט... און דענסטמאל האט ער זיין ביטע פארגעטראגען.

בעת דער נשיא האט זיין ביטע גערעדט, האט ער זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, און מיט גרויס חכמה האט ער בעגריסט, און מיט שאנע רייד האט ער געזאגט צו דעם קאניג: לעבע וואהל און גליקליך!

ער האט זיך עמפפאהלען און איז אוועקגעגאנגען.

הערת המעתיק:

פון דעם קאפיטל קאנען מיר אבלערנען א מוסר השכל. נאמליך: דאס אמענש דארף פון זיין מויל ניט ארויסריידען דעם ווארט „שלעכט", נור ער דארף מקבל באהבה זיין דיא שלעכטעס אזויא וויא גוטעס

און ער דארף מתפלל זיין צו גאטט. ער זאל איהם העלפען וויא יעדער לעזער וועט פארשטיין; ווען דער נשיא איז געגאנגען צום קאניג, ווארשיינליך האבען יודען דענסטמאל געהאט א׳צרה, א׳גזירה, אומזאנסט איז דער נשיא ניט געגאנגען צו דעם קאניג. און אז דער קאניג האט איהם געפראגט: וויא עס געהט איהם? — האט דער נשיא געענטפערט „גוט, גוט"!

ח.

הבה נתחכמה.

אדער

דער טיראנישער בעשלוס.

שפעטער אבער, אז דיא בעוואהנער פון בבל האבען געזעהען דיא פראכט פון דעם נשיא, האבען זיך דיא שרים מקנא געווען. אויך דאס פאלק האט געזאגט: זיהע! דאס יודישע פאלק ווערט אימער מאכטיגער, און באלד. גאר באלד, וועלען זייא זיך מיט דיא הילף פון דוד׳ס קינדער וואס זייא זיינען פון דיא זרע המלוכה — ערהעבען און וועלען אויף

אונז רעגירען. דארום הבה נתחכמה! וואלען מיר זייא איבערליסטען! אונ זייא האבען זיך בעשלאסען: ווען דער נשיא וועט גיין צו דעם קאניג זאלען זייא צוערשט איהם הרגנען אונ נאכדעם דיא ראשי ישראל (הויפטער דער יודען).

וויא דאס איז געהערט געווארען אין קאניגליכען פאלאסט, האטטען געאיילט העלפען די יודען, אבער דער נשיא איז שוין געוועזען געהרגעט, זייא האבען גערעטעט דיא איבריגע פאלק.

העראת המעתיק:

עס איז צו בעוואונדערן וויא גרויס אונ וויכטיג, קלוג אונ פראקטיש אונזערע חכמים זיינען געוועזען, בייא זייא האט דער אמת געשפילט דיא גראסטע ראליע, אין זייערע צייטען זיינען געוועזען פיל היידען גרויסע אונ שטארקע יודענפיינדע, דיא יודען האבען געהאט פון דיא גאטצענדינער צרות אונ רדיפות מעהר וויא אין דער תוכחה איז אויסגערעכנט. דערפאר האבען דיא תלמודיסטען אין מאנכע ערטער זיך אויסגעדריקט אויף זייא מיט אזעלכע ווארטער, וואס היינט ווען זייא וואלטען זעהען דיא איראפאישע כריסטען, וואלטען זייא אזעלכע ווארטער ניט געזאגט אונ דאך אין יענע פינסטערע צייט וואס אויף דיא יודען איז געוועזען בעצויגען מיט אדיקקען שווארצען וואלקען.

האבען דיא חכמים מיט זייערע ליכטיגע אויגען געזעהען דאס דיא איינצעלנע זאכנע וואס קאן בעלייכטען דיא יודישע פארשווארצטע פנים'ער איז נור דער מלך. וויא שלמה המלך ע"ה זאגט: באור פני מלך חיים (משלי ט"ז ט"ו) ד. ה. ווען אויף דער וועלט איז פינסטער אונ דער לעבען איז אין סכנה... קאן דורך דיא ליכטיגקייט פון דעם קאניגס פנים בעשיינען דיא פינסטערניש, אונ מען איז געזיכערט מיט דעם לעבען, ניט דא איז דער ארט אויסצורעכנען אללע גוטע קלוגע וויכטיגע מאמרים וואס דיא חכמי התלמוד זאגען וועגען א מלך. נור וויא אמת זייערע רייד איז זעהען מיר פון דעם פאקט פון אונזער געגענווארטיגען ספור, דאס דעם קאניג קאן מען ניט פארגלייכען מיט דעם פאלק. אט דאס פאלק האט געהרגעת דעם נשיא אונ דער קאניג האט געשיקט מענשען איהם רעטטען פון זייערע האנד, דיא הילף איז געקומען צו שפעט, דאס איז ניט דער שולד פון קאניג, איהם קומט א גרויסען דאנק וואס ער האט דיא איבריגע יודען געראטעט פון דיא מערדערישע האנד.

ט.

בטל דיא נשיאות.

אדער

דער כתב פון דיא זרע דוד.

וויא דיא יודען האבען דאס געזעהען, האבען זייא זיך בעשלאססען מבטל צו זיין דיא נשיאות פון יענעם טאג אן אונ וייטער, נור דיא זרע דוד האבען געהאט אכתב אריכטיגען בעוויז, אז זייא שטאממען אב פון דיא זרע דוד. אבער זייא האבען קיין שום שררה (הערשאפט) געהאט איבער דיא יודען. ביז גאטט (ב"ה וב"ש) וועט איינוויליגען זייא זאלען צוריק ווערען נשיאים.

הערת המעתיק:

מיר האבען אין דעם קונטרס ערצעהלט; דאס דער נשיא פלעגט מאכען אבאאל פאר אללע געסט, יודען אונ ניט יודען. ער פלעגט זייא געבען עססען, טרינקען, וויל דורך דעם ווערען מענשען בעפריינדעט. עס פארבינדעט זייא צוזאמען מיט גרויס ליעבע, אפילו דער פארדארבענסטער מענש, ווען ער עסט

און טרינקט יענעמס, האט ער נאכדעם ניט אזא גרויסען כח יענעם שלעכטעס צו טהון, ווען אפילו ער האט דערצו אגאנץ גרויסען יצר הרע. דערפאר ווען איינער מאכט חתונה זיינעם אקינד, לאדעט ער איין פיעל געסט, ער גיט זייא עססען, טרינקען, וויל ער וויל דורכדעם קויפען פיעל גוטע פריינד פאר זיין קינד וואס דארף אנפאנגען אליין צו זארגען זיין לעבענסמיטעל צו פערדינען. זאל ער האבען פון דיא גוטע פריינד אהילף אין פערשידענע ענינים, און לכל הפחות זאלען זייא איהם קיינע שלעכטעס טהון... דער ערשטער מענש וואס האט דיא זאכע גוט פערשטאנען, איז געוועו אברהם אבינו ע״ה וויא דאס איז ידוע אז ער האט דיא היידען געגעבען עססען, טרינקען און דורך דעם האבען זייא איהם געפאלגט צו גלויבען אין דעם נאמען פון איינציגען גאטט, (מדרש רבה בראשית פ׳ נ״ד) און יעקב אבינו ע״ה האט דערפון געלערנט אק״ו, מה דאך אמענש קאן פאר עססען און טרינקען פאלגען אזא וויכטיגע זאך וואס ער האלט דאס טהייער און הייליג, נאמליך: פערלאזען זיינע גאטצענדינעריייא, אפשיטא שוין אז ער וועט קיין שלעכטעס טהון, דערפאר האט ער געשיקט זיין ברודער אמתנה... און פון איהם האט דער נשיא געלערנט צו געבען מתנות דעם קאניגס דיענער בעת ער פלעגט דארטען קומען אזויא וויא מיר האבען ערצעהלט אין דיא פאריגע קאפיטלען.

פון דעם ספור קאן מען אויך אבלערנען אמוסר השכל, נאמליך: א יוד דארף צו פיעל כבוד ניט פערלאנגען, ובמקום גדולים אל יעמוד... ווייל דורך צופיעל כבוד קאן מען חלילה אריינפאלען אין אגרויסען אונגליק. א יוד דארף ניט פליהען צו הויך, ווען אפילו ער האט גרויסע שטארקע פליעגלען וויא אנ׳אדלער, ער דארף ניט לויפען צו שנעל, צו וויט, ווען אפילו ער איז גרינג צום לויפען וויא אהירש, אונ ער דארף ניט וועלען יענעם מנצח זיין (בעזיגען) ווען אפילו ער פילט ביי זיך דאס ער איז שטארק וויא אלאווע... דיא אלע מעלות ווען א יוד האט זייא במתנה פון גאטט, דארף ער זייא אנווענדען נור לעבודת הבורא. אבער ניט אויף קארפערליכע אנגעלעגענהייטען. כדי דערמיט ניט אופהעטצען דאס פאלק, זייא זאלען איהם ניט ווערן דם שונאים (בלוט פיינד) ווייל דיא קנאה וואס קומט דורך יענעמס כבוד איז זעהר געפערליך, וויא דער תנא רעכנט דעם כבוד איינע פון דיא דרייא געפערליכסטע זאכען וואס ברייננט אנ׳אונגליק אויף דעם יודען, (אבות פרק ד׳ כ״ח) דערפאר זאגט שלמה המלך: כבוד אלהים — דיא גאטטליכע עהרע קאן דעם יודען קיין שאדען ברייננען, ווייל דאס איז — הסתר דבר. ניט אלע זעהען דאס, אונ ניט אלע פארשטייען דאס, איז מען יענעם ניט מקנא. אבער — וכבוד מלכים — ווען מען גיט איינעם

קֶאנִיגְלִיכֶע עֶהרֶע וִויא דֶער נָשִׂיא הָאט גֶעהַאט — חֲקוֹר דָבָר, פַאנְגְט מֶען אָן צוּ קְלֶערֶען אוּנ רֶעכְנֶען אוֹיבּ יֶענֶער פַארְדִינְט דֶעם כָּבוֹד... קוֹים פַאנְגְט מֶען אָן צוּ מַאכֶען מִיט אֵיינֶעם, אָדֶער וֶועגֶען אֵיינֶעם אַבֶּעלַאנְס. מוּס עֶר אַרַיינְפַאלֶען, דֶערְפַאר בֶּעטֶען מִיר בַּייא גָאטט: אל תבוא במשפט עמנו. כי לא יצדק לפניך כל חי...!

יח"ם מזח.

דריטער טהייל.

מסעי הצלב השלישי

(דיא דריטע קרייצפאהרונג)

דא בעשרייבען מיר דיא גרויסע צרות וועלכע דיא יודען האבען געליטען דורך דיא דריטע קרייצפאהרונג.

פרייא איבערזעצט פאן „דברי ימי עולם" אונ צוגעגעבען אנמערקונגען

פון יהושע מזח.

אינהאלטס פערצייכניס:

צו דיא לעזער 148
דער גרויסער רעש 149
דער פרידענסבונד 153
דער געפאנגענער 156
שלעכטעס פאר גוטעס 158
שלעכט פאר שטאנען 160
אין דער פינסטער 164
דעם רבנו תם'ס אתלמיד 166
דיא גרויסע קנאה 169
דיא יודען אין נארוויך 172
יודישע צרות אין ענגלאנד 174
דיא יודען אין פעסטונג 176
דיא שטארקע מלחמה 178
אנטלאפען פון פעסטונג 180
דער גרויסער פאנאטיקער 182
דיא יודישע אסיפה 183
לעבען אדער טויט 186
אלס פארברענט 188
דער צווייטער חרבן 189
דיא פאלשע שבועה 190
בלוט וויא וואססער 193
ענדע משפט 194
הודעות . . . .

צו דיא לעזער

(אזויא גוט וויא אפארעדע)

אָז רָאָהּ וַיְסַפְּרָהּ
הֱכִינָהּ וְגַם חֲקָרָהּ.

(איוב כ"ח, כ"ז).

אללע קיסרים, קאניגע און פירסטען פון דער גאנצער וועלט, אויך אללע קריסטליכע געלעהרטע, פרומע און גוטהערציגע, האבען אללע מאל פעראכטעט דיא קרייצפאהרער וועלכע האבען גערויבט, געפלינדערט און געמארדעט דיא אונשולדיגע יודען, וויל זיי (דיא קרייצפאהרער) האבען געטהון געגען דעם ווילען פון זייער געזעטץ-געבער, און געגען דעם רצון פון זיינע היילוגע פאסטאלען, עס איז ידוע: דאס יעזוס כריסטוס מיט זיינע אמתע מאמינים (גלויביגער) האבען געגעבען זייערע אנהייגער גוטע לעהרע, דיא הויפט לעהרע זייערע איז געוועזן געגרינדעט אויף דעם פסוק פון דער

תורה ואהבת לרעך כמוך. זייא (כריסטוס מיט זיינע פאסטאלען) האבען בעפוילען „ליעב צו האבען אללע מענשען אפילו דיא פיינדע". אזויא וויא מיר ערקלעהרען דייטליכער אין אונזערע פארעדען אין דיא ערשטע טהיילען מסעי—הצלב.

פון דעם קונטרס „מסעי הצלב השלישי" קאן מען אויך אפלערנען א מוסר השכל דאס יעדער מענש דארף מתפלל זיין בשלומה של מלכות, וויא רבי חנינא סגן הכהנים זאגט: הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו (אבות ג׳ ב׳).

שר שלים.

א.

דער גרויסער רעש.

אדער

דיא נייע פערזאמלונג.

וויא דיא נוצרים פון ארצות המערב האבען געהערט פון דיא אונגליקען — וואס דורך סאלאדין — זיינען געקומען אויף דיא כריסטען אין דיא הייליגע לאנד, אונ זייא האבען אויך ערפאהרען דאס סאלאדין האט בעזיעגט דיא שטאדט ירושלים, ער האט איהר אבגענומען פון דיא כריסטען, איז אין יעדער שטאדט געווארען אגרויסער רעש, אגעטומעל, אגעשרייא, אין אקורצע צייט האבען זיך דיא כריסטען פערזאמעלט צו גיין אדריטען מאל אין דיא הייליגע לאנד מלחמה האלטען מיט דיא ישמעאלים, פון גאנץ איטאליע, פון דרום ביז דיא בערג סקאנדינאפען זיינען צעהנדליגע טויזענדע בעוואפענטע מענשען געקומען, זיך פערזאמעלט צו גיין מלחמה האלטען, אונ דער וואס האט ניט געקאנט פערלאזען זיין הויז, האט געגעבען מעשר

(אצענטע טהייל) פון זיין פערמעגען. דאס האט מען גערופען „מעשר סאלאדין". ד. ה. דיא נדבות וואס מען האט געגעבען צושטייער אויף דער מלחמה צו גיין קריעג פיהרען מיט סאלאדין אין דיא הייליגע לאנד.

דרייא שטארקע קאניגע זיינען דעמסטמאל געוועזן אין ארצות המערב. איינער: דער דייטשער קיזר פרידריך בארבאראסע. דער צווייטער: פיליפ אויגוסט II, קאניג פון פראנקרייך. אונ דער דריטער: ריכארד לאווענהערץ דער קאניג אין ענגלאנד. דיא דרייא מאכטיגע קאניגע האבען זיך בעשלאססען צו גיין מיט זייערע גבורים אין מארגענלאנד.

דער קיזר פרידריך מיט זיינע העלדען זיינען געגאנגען פארויס, פריהער וויא אללע. ער איז געקומען אין קליין אזיע אונ האט מלחמה געהאלטען מיט דעם קעניג (סולטאן) מאיקאניום, נאהנט פון זיין רעזידענץ־שטאדט. אין זיין גאנץ גרויסע רייזע האט ער געוויזען זיין גרויסע חכמה אונ וויא שטארק (מאכטיג) ער איז. נאר וויא דער אלטער גבור האט געוואלט אריבער גיין דעם טייך סאלעפה אין דרום זייט פון קליין אזיע, איז ער דארט ערטרונקען געווארען, וויא אבלייא איז ער אריינגעפאללען אין יענע טיפע וואססער אונ ער איז געשטארבען. דיא גבורים זיינע האבען איהם פון טייך ארויסגענומען, זייא האבען זיין קארפער געפונען בייא דער שטאדט סילייקיא.

אטהייל פון זיינע גבורים האבען צוריק געקעהרט נאך זייער לאנד, און אקליינע טהייל פון זיא זיינען געגאנגען צו פרידריך פון שוועדען, ער איז געוועזען אזאהן פון דעם קיסר וואס איז ערטרונקען געווארען, זיא זיינען געקומען ביז ירושלים, און זיא האבען דעם קאניג טידא געהאלפען בעלאגערן אויף דער שטאדט עכו. נאכדעם זיינען געקומען דער קאניג פון פראנקרייך און דער קאניג פון ענגלאנד, זייא האבען געהאלפען בעלאגערן אויף דער שטאדט עכו און האבען איהר בעזיגט (איינגענומען).

ב.

דער פרידענסבונד

אדער

אל יתהלל הגבור בגבורתו.

דער קאניג ריכארד לאווענהערץ האט אין יענער צייט געטהון אזעלכע רציחות און שאנדליכע נידערטראכטיגע מעשים, אז זיין נאמען איז שטארק בעשמוצט געווארען. ער איז געוועזען אגרויסער בעל גאוה. און ער האט ליעב געהאט פיעל געלד, דורך

דִיא צְווייא מִדוֹת רָעוֹת הָאט עֶר גֶעטְהוּ מַעֲשִׂים רָעִים, לְמָשָׁל: בְּעֵת דִיא בֶּעלַאגֶערוּנְג אוֹיף עַכּוֹ הָאט לֶעאָפָּאלְד דֶער הֶערְצָאג פוּן אֶסְטְרַייךְ מֶעהר גֶעטְהוּן, גֶעאַרְבֵּייט, גֶעהָארֶעוֶועט אִין מִלְחָמָה וַויא רִיכַארד, אוּנ נָאכְדֶעם הָאט רִיכַארד נִיט גֶעוָואלְט גֶעבֶּען דִיא דַייטְשֶׁע גִבּוֹרִים פוּן דִיא רוֹיב וָועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען גֶענוּמֶען בַּייא זֵייעֶרֶע פַיינְד, נָאכְדֶעם אַז לֶעאָפָּאלְד הָאט אִיהם נִיט גֶעוָואלְט הֶעלְפֶען בֶּעלַאגֶערְן דִיא שְׁטָאדְט אַשְׁקְלוֹן הָאט רִיכַארד בֶּעפוֹילֶען דָאס מֶען זָאל דִיא דַייטְשֶׁע פָּאנֶע אַרָאפְּנֶעהמֶען אוּנ אִיהר צוּטְרֶעטֶען אִין בְּלָאטֶע. רִיכַאר[illegible] הָאט גֶעטְהוּן נָאךְ עֶרְגֶערֶע מַעֲשִׂים, אוּנְגֶערְבַּארְמְלִיכֶע טְהַאטֶען, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אִין פְּלֶאן פִיעל יִשְׁמְעֵאלִים, נָאכְדֶעם הָאט עֶר פֶערְלַאנְגְט פוּן זֵייא פִיעל גֶעלְד פַאר דִיא בֶּעפְרַייאוּנְג (אוֹיסְלֵייז-גֶעלְד) אוּנ אַז זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעבְּרַאכְט צוּ דֶער בֶּעשְׁטִימְטֶער צַייט, הָאט עֶר בֶּעפוֹילֶען צוּ הַרְגֶענֶען צְווייא טוֹיזֶענְד מִיט פִינְף הוּנְדֶערְט גֶעפַאנְגֶענֶע, אִין גַאנְץ מָארְגֶענְלַאנְד, וָוער עֶס הָאט דֶערְמָאנְט „רִיכַארד" דֶעם נָאמֶען (עֶרְדִינֶערְט) הָאט אִיהם גֶעפְלוּכְט אוּנ גֶעשִׁימְפְּפְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען לְמָשָׁל וְלִשְׁנִינָה.

הֲגַם רִיכַארד אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער גִבּוֹר, דָאךְ הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט אַיינְנֶעהמֶען דִיא שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם. דִיא אוּרְזַאכֶע דֶערְפוּן אִיז גֶעוֶוען, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעזַאנְקְט מִיט דֶעם קֶענִיג פוּ פְרַאנְקְרַייךְ

און צוליעב דיא מחלוקה האט זיך פיליפ אויגוסט צוריקגעקעהרט נאך זיין לאנד, אויך אללע קרייצפאהרער האבען זיך איינער מיט דעם אנדערן געצאנקט, דיא שנאה איז ביא זייא געווארען זעהער גרויס, זייא האבען קיין פערבינדונג געהאט צו האלטען מלחמה אללע צוזאממען אויף ירושלים איהר איינצונעהמען.

אז ריכארד האט געזעהען דאס ער קאן ניט בעזיעגען דעם סאלאדין, האט ער צו איהם געשיקט מלאכי שלום, ש,יסען מיט איהם פריעדען, און סאלאדין האט דערצו איינגעוויליגט, זייא האבען געשלאססען אפריעדענס בונד אויף דיא פונקטען (בעדינגונג׳): דער גאנצער ים ביא דער שטאדט צור ביז דער שטאדט יפו זאל געהערען צו דיא כריסטען און קיין מענש זאל זייא ניט שטערען צופאהרען אויף אללע היילינע ארטער וואס דיא כריסטען האלטען דאס פאר היילינ און זייא ווילען דארט בעטען גאטט.

הערת המעתיק ;

אין פאריגען קאפיטעל ערצעהלען מיר פון דעם קאניג ריכארד אז ער האט געהרגת צווייא טויזענד און פינף הונדערט געפאנגענע. יעטצט זעהט מיינע ליעבע לעזער דעם גרויסען אונטערשייד פון רוססלאנד צו אנדערע מדינות, ניט איין מלחמה האט רוססלאנד געפיהרט מיט איהרע פיינד, יעדעס מאל האט זיא

בֶּעזִיעגְט, גֶענוּמֶען פוּן פֵיינְד פִיעל גֶעפַאנְגֶענֶע, אִין דִיא רוּסְסִישֶׁע טִירְקִישֶׁע קְרִיעג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מָאסְקְוַוא אִיךְ הָאבּ דָארְטֶען פִיעל גֶעפַאנְגֶענֶע טִירְקֶען גֶעזֶעהֶען, דִיא רוּסְסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג הָאט זֵייא בֶּעהַאנְדֶעלְט וָואס בֶּעססֶער קָאן קֵיין פְרֶעמְדֶער גַאסְט בֶּעהַאנְדֶעלְט וֶוערֶען.

ג.

דֶער גֶעפַאנְגֶענֶער.

אָדער

דֶער לִיעבְּהַאבֶּער פוּן מְלִיצָה וָשִׁיר.

וְויא רִיכַארד הָאט פְרִיעדֶען גֶעשְׁלָאסְסֶען מִיט סַאלַאדִין, הָאט עֶר גֶערֵייזְט צוּרִיק אִין זֵיין לַאנְד, פָאהְרֶענְדִיג אוֹיף דֶעם יַם הָאט גָאטט אָנְגֶעשִׁיקְט אַשְׁטוּרֶם וְוינְד אוֹיף דֶעם יַם, דִיא שִׁיף אִיז דוּרְךְ דֶעם וְוינְד גֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען הִין אוּנ הֶער, בִּיז דֶער וְוינְד הָאט אִיהר צוּגֶעשְׁלֵיידֶערְט צוּ אַבְּרֶעג יַם בַּייא דֶעם גְרֶענֶעץ אִיטַאלְיֶע. פוּן דָארְט אִיז רִיכַארד גֶעפָאהְרֶען אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה דוּרְךְ דַייטְשְׁלַאנְד, עֶר עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען אִין זַיין לַאנְד, נוּר אַז עֶר

איז געקומען אין דיא טהויערן פון וויען, האט איהם דער הערצאג לעאפאלד, זיין שונא, גענומען געפאנגען, אונ ער האט איהם איבערגעגעבען אין דיא האנד פון קיסר היינריך דעם זעכסטען. ער זאל מיט איהם טהון וויא איהם געפאלט. דער קיסר האט איהם איינגעשפארט אין געפאנגנים אין דעם פעסטונג טריפעלס. ער איז דארט אלאנגע צייט געזעססען ביז ער האט דעם קיסר געגעבען פיעל אויסלייזונגס-געלד (אגרויסען פדיון) האט ער איהם בעפרייט פון זיינע האנד.

דיא נאכקאמענדע היסטאריקער (געשיכטע שרייבער) האבען זעהר שטארק גערידהמט דעם קאניג ריכארד, זייא האבען דייטליך בעשריעבען אללע צרות וואס ריכארד האט אין יענער צייט געהאט, פון זיין אריינפאלען אין געפאנגנים אונ וויא אזוי ער האט זיך בעקאנט געמאכט מיט דעם משורר (פאעט) בלאנדעל, דיא אללע ספורים האבען זייא ערצעהלט מיט ערהאבענע ווארטע, מיט דיא פיינסטע מליצה. זייא האבען פערפאסט פיעל געדיכטע איהם צו בעעהרען, דען דער שטארקער קאניג איז געוועזען זעהר בעליעבט אונ האט געפונען גרויס חן אין דיא אויגען פון דיא מיטעל-אלטערע פאעטען, אללע סופרים אונ בעלי מליצה האבען איהם גרויס כבוד געגעבען, דיא אורזאכע דערפון איז געוועזען; וויל אין זיינע יונגע

יאהרען האט ער ליעב געהאט צו וואהנען אין לאנד תימן, אלאנד וואס איהרע בעוואהנער פלעגען שרייבען שירים און זייא האבען פיעל מלחמות געהאט, און יענע לאנד האט ער זעהר געאכט און געשעטצט, ער איז געוועזען איבערגעגעבען צו איהר מיט זיין גאנצען הערצען. דיא שירים, מליצה, און געזאנג האט ער זעהר ליעב געהאט, דערמיט פלעגט ער זיך גוט אמוזירען און מיט דיא שאנע מליצה פלעגט ער זיין גאנצען לעבען צו ברייננען, דערפאר האבען דיא משוררים געמאכט פון איהם אגרוים פאראד.

ד.

שלעכטעס פיר גוטעס.

אדער

כשגגה שיצא מלפני השליט.

אין יענער צייט—פון דעם דריטען קרייצפאהרונג— האבען דיא יודען פון ענגלאנד געהאט גרויסע צרות, מען האט זייא געהרגעט, געשלאגען, געשטאכען, געבראכען, געביסען געריסען, געשטיקט געפליקט, פון אללע זייטען האבען זייא געליטען, דיא שרעקליכע

גרויסע צרות האבען זיך אנגעפאנגען אין דער צייט
וויא ריכארד לעווענהערץ איז געקריינט געווארען,
דיא קריינונג איז געוועזען אין א קירכע וויא דיא קריסטליכע
געזעטצע איז, פון דער קירכע איז ער געפאהרען אין
זיין פאלאץ, דארטען האט ער צוגענומען אללע
געזאנדטע וועלכע זיינען געקומען איהם זעגען צו
זיין קריינונג און האבען איהם געבראכט מתנות.

דיא יודען פון ענגלאנד האבען אויך געשיקט
שלוחים (געזאנדטע) צום קאניג בריינגען איהם אמתנה
(געשאנק), וויא עס פאסט פאר אנייעם קאניג און
איהם געבען אברכה (זעגען) צו זיין קראנונג, אונטער
דיא שלוחים זיינען געוועזען צוויא רייכע פארנעהמע
יודען פון דיא בירגער אויס דער שטאדט „יארק"
איינעם האט מען גערופען ברוך און דעם צווייטען יוסי.

אין יענער צייט — בעת דיא יודישע שלוחים
זיינען געקומען אין פאלאץ — איז דארטען געוועזען,
„באלדואין" דער פארשטעהער פון קריסטליכען רעליגיאן
פון קאנטערבורי. (canterbury), וויא ער האט דיא יודישע
שלוחים דערזעהען, איז ער אין כעס געווארען און
האט מיט גרים צארן געזאגט צו דעם קאניג: וואס
טהוען יודען אין דיין פאלאץ? דאס איז אזינד פון דיר
ווען דוא וועסט צונעהמען אמתנה פון אזא זינדיגע
פאלק, וואס אללע פאלקער פעראכטען זייא, פאלג
מיר, טרייב ארויס דיא זינדיגע מענשען מיט זייער
מתנה צוזאמען,

דער קאניג ריכארד האט געוואלט געפינען חן אין די אויגען פון דעם אלטעסטען איבער דעם כריסטליכען רעליגיאן, ער האט געברויכט האבען זיינע פריינדשאפט. האט ער געוואלט איהם טהון א געפאלענקייט, אונ דער צו האט ער ניט בארעכענט וואס עס קאן ווערען פון אזא זאך, ווען ער וועט פאלגען דעם כומר אונ ער וועט די יודישע שלוחים ארויסטרייבען פון זיין פאלאץ, האט ער געפאלגט יענעמס עצה אונ ער האט בעפוילען זיינע דיענער דאס זייא זאלען די יודישע שלוחים ארויסטרייבען פון זיין פאלאץ, זייא מיט זייער מתנה צוזאמען.

ה.

שלעכט פערשטאנען.

אדער

נשף השכי שם לי לחרדה.

דעם קאניגס בעדיענטע האבען געגלויבט דאס דער קאניג האט זייא ערלויבט צו בעליידיגען די יודען אונ זייא ארויסטרייבען מיט קלעפ אונ געשלאג, האבען זייא אזוי געטהון, זיי האבען די יודען געפלוכט,

געשימפפט און מיט קלאפ זייא בעגלייט, געוויזען זייא זייער שטארקען קולאק. און דער המון עם (פראסטע פאלק, פעבעל) וואס זיינען געשטאנען ניט וויט פון דעם קאניגס פאלאץ, ווייא זייא האבען געזעהען דיא יודישע מפלה, האבען זייא אויך אויפגעהויבען זייערע האנד און זייא האבען דיא יודישע געזאנדטע געשלאגען, געמאכט זייא וואונדען, זייא פערבלוטהיגט, געווארפען שטיינער אויף זייא, און געיאגט זייא מיט גרויס צארן. נור דיא יודישע שלוחים האט בעגליקט צו אנטלויפען קוים מיט גאנצע ביינער, זייא האבען זיך גערעטעט פון טויט.

דיא שונאי ישראל (יודען-פיינדע) האבען אין גאנץ לאנדאן געשריען: דאס דער קאניג פערלאנגט צו טאדטען אללע יודען, אויך אין אללע גאססען און אין אללע הויפען האבען זייא ערצייהלט: דאס דער נייער קאניג האט דיא יודען פיינד, ער קאן זייא ניט אנקוקען (אנזעהען).

דיא קרייצפאהרער וואס זיינען דענסטמאל געוועזן אין לאנדאן, האבען געהערט פון דעם נייעס, האבען זייא זיך צוזאמענגעזאמעלט און גענומען האקן, שפיזען, שווערדע און אנדערע געוועהר, און זייא זיינען בעפאלען אויף דיא יודען מיט אגרויס געטומעל און געשרייא. דיא יודען זיינען פון זייא אנטלאפען, זייא האבען זיך פערשטעקט (בעהאלטען) אין זייערע

פעסטע שטארקע הייזער, זייא האבען פארשלאססען די טהירען, זייא האבען ניט געגלויבט דאס דער פיינד וועט זיך ערלויבען בעפאלען די יודישע הייזער אונ הרגנען די יודען אין דעם טאג וואס מען האט געקריינט דעם נייעם קאניג וואס ער האט ליעב די יודען אונ ווינשט זייא גוטעס טהון אונ פערלאנגט זייער שלום, עס זאל זייא גוט זיין, אזויא וויא זיין פאטער ווילהעלם דער צווייטער איז געוועזען איודען-פריינד, אזויא ליעבט ער די יודען, קאן דאך אזא רציחה ניט טרעפען. נור זייער רעכנונג איז געוועזען ניט ריכטיג, די קרייצפאהרער וואס האבען קיין מורא געהאט פאר גאטט האבען זייא אויך קיין מורא געהאט פאר דעם מלך *) זייער גאנצע טראכטונג איז נור געוועזען צו רויבען, פלינדערן אונ מאכען היזקות אלעמען בכלל אונ יודען בפרט, אט די מארדער די נידערטראכטיגע מענשען, (בעססער געזאגט: אונ-מענשען), זיינען מיט געוואלט אריינגעקומען צו די יודען אין זייערע הייזער אונ האבען די הייזער אנגעצונדען, פארברענט אין פייער, אונ וויא

---

*) דער מענש וואס האט ניט מורא פאר גאטט, יענער האט ניט מורא פאר דעם קאניג, אונ דער וואס האט מורא פאר דעם קאניג איז אסימן; אז ער האט מורא פאר גאטט, דערפאר זאגט שלמה המלך ע"ה: ירא את ה' בני ומלך, (משלי כ"א כ"ד), ווייל חא בהא תליא, ד. ה. עס איז אלס די זעלבע.

יח"ם מזח.

דיא יודען זיינען ארויסגעלאפען פון זייערע הייזער זיך רעטטען אונ אבלעשען דעם פייער, זיינען דיא קרייצפאהרער אויף זייא בעפאלען אונ האבען פון זייא געהרגעט זעהר פיעל מענשען, דער קאניג האט איינינגע מאל געפרעגט: ווארום האט זיך פון שטאדט אזא טומעל? אבער אומזאנסט איז געוועזן זיין פראגע, וויל זיינע דיענער—דיא יודענפיינדע—האבען איהם אבגענארט, זייא האבען איהם געענטפערט: דאס האט זיך דער געשרייא פון דיא מענשען וואס פייערן דיא קריינונג. בייא זייא איז דאס אגרויסע שמחה, דערפאר האט זיך דער טומעל. אונ דער קאניג האט אין אנפאנג געגלויבט.

הערת המעתיק:

אין פאריגען קאפיטל ערצעהלען מיר דאס דעם קאניגס דיענער האבען פאלש געגלויבט... וויל דער מענש גלויבט אין דעם וואס ער וויל גלויבען. דער גלויבען איז אין פרט געגליכען צו אחלום. וואס דער מענש טראכט בייא טאג, חלום'ת זיך איהם בייא נאכט, דער מענש וואס טראכט אין גלויבען, ווייזט איהם דער גלויבען איבערנאטירליכע זאכען, עפי"ר (גראסטענטהייל) איז אחלום אמת, נור עס גיבט אין איהם מאנכעסמאל איבערנאטירליכקייטען „אין חלום בלא דברים בטלים" *) אין גלויבען קאן

*) א"א לחלום בלא דברים בטלים. (ברכות פרק הרואה).

מען רעכנען דיא „פאנאטיזום" אלס „דברים בטלים" זועלטען איז אחלום אהן דברים בטלים, און נאך זועלטענער איז ארעליגיאן גאר אהן פאנאטיזום...

ז.

אין דער פינצטער.

אדער

דער געשמאקער ביסען.

דער טאג איז אוועק (פארביינגעגאנגען), עס איז געווארען נאכט. אשווארצער וואלקען האט באדעקט איבער לאנדאן, אין גאנץ שטאדט איז געוועזן חשך ואפלה *) פאר דיא קרייצפאהרער איז דאס געוועזן בעססער, אין דער פינסטער האבען זייא געקאנט הרגנען דיא אונגליקליכע יודען, קיינער האט ניט געזעהען זייערע רציחות, קיינער האט זייא ניט

*) היינט אין לאנדאן בייא נאכט איז ליכטיג, העלל אויף דיא גאססען וויא אין מיטען העללען טאג, נור דענסטמאל איז דארט בייא נאכט געוועזן פינסטער וויא היינט אין דיא קליינע שטאדטליך.

אחד הרואי"ם.

געשטערט, זייא האבען מיט דיא יודען געטהון וואס זייא האבען געוואלט, נור דער קאניג האט פערשטאנען דאס דער געשרייא איז ניט פון פראהליכקייט וועגען. נור אקול פון פארברעכער, מארדער, פארמישט מיט אקול פון טויזענדע אונגליקליכע מענשען וואס שרייען מיט זייערע אללע כחות. ער האט געשיקט דעם שר ראנולף דעגראפילע. ער זאל איינשטילען בערוהיגען דיא מארדער, אבהאלטען זייא פון דיא רציחות, נור דער געשרייא דער ליארעם, און דער געטומעל איז געוועזען אזויא גרויס, אזויא שטארק אז מען האט זיינע גוטע רייד ניט געהערט און נאכדעם אז איהם האט בעגליקט, מען זאל הערען זיינע רייד, האט ער גאר ניט געקאנט העלפען, דיא קרייצפאהרער האבען פון איהם געלאכט, חוזק געמאכט, זייא האבען איהם פעראכטעט. איהם שאנדע געמאכט פאר וואס ער האט גערעדט גוטעס אויף דיא יודען, עס האט פיעל ניט געפעהלט, וואלטען זייא איהם מיט שטיינער געווארפען, פאר וואס ער האט געוואלט ארויסרייסען פון זייערע מיילער אזא פעטען געשמאקען ביסען, דיא קרייצפאהרער האבען דיא רציחות נאך פיעל מעהר פערגרעסערט. זייא האבען געהרגעט מוטטערס מיט זייערע קינדער צוזאמען, אלטע מיט יונגע לייט האבען זייא זייער בלוט פערגאססען. פיעל יודען האבען זיך מיט זייערע אייגענע האנד געהרגעט. אבער זיך איבערגעבען צו דיא

קרייצפאהרער האבען זייא ניט געוואלט, זייא זיינען געבליעבען געטרייא זייער גלויבען און זיינען געשטארבען "על קדוש השם".

ז.

דעם רבנו תם'ס אתלמיד.

אדער

דער חורבן אין לאנדאן.

אין יענער צייט איז דארט געוועזען ר' יעקב אורליניש, דעם רבנו תם'ס אתלמיד, ער איז אויך געשטארבען דורך זיינע אייגענע האנד, ער האט זיין גלויבען ניט געוואלט פערלאזען. האט ער זיך אליין געהרגעט.

דאס גראסטע מהייל, יודישע הייזער זיינען פארברענט געווארען, אויך די בתי תפלות און בתי מדרשות זיינען פארברענט אדער צוברארכען געווארען, גאנצע גאסען איז אויף זייא אויסגעגאסען געווארען, נור די קריסטען האבען אויך דערפון געליטען, וויל דעם גרויסען פייער האט דער ווינד געטראגען אויף די קריסטליכע הייזער און פיעל פון זייא זיינען

פארברענט געווארען, דיא קרייצפאהרער האבען חרוב געמאכט גאנצע שטראססען אין לאנדאן. זייא האט אבער ניט געלונגען צו טויפען דיא יודען, פון אללע יודען האט קיין איינציגער פערלאזען זיין גלויבען, נור דער רייכער מאן „ברוך״ פון דער שטאדט יארק, וואס ער איז געוועזען איינער פון דיא יודישע שלוחים צום קאניג, ברייגען איהם אמתנה צו זיין קריינונג, דער איין ברוך האט ניט געקאנט ביישטעהען געגען דיא קרייצפאהרער. ווייל מיט געוואלדט האבען זייא איהם אוועקגעפיהרט אין זייער קירכע און זייא האבען איהם געטויפט.

אויף דעם צווייטען טאג האט דער קאניג געהערט פון דיא אללע אונגליקען וואס האבען געטראפען דיא יודען, ער איז שטארק אין כעס געווארען פאר דיא רציחות וואס דיא קרייצפאהרער האבען געטהון, ער האט בעפוילען דאס מען זאל אללע מארדער הרגענען און דיא אנפיהרער צו דער רציחה, זאל מען אויך טאדטען. נאכדעם האט ער געגעבען אקאניגליכען בעפעהל אין זיין גאנצען לאנד: דאס יעדער מענש וואס וועט שלעכטעס טהון איודען, זאל פאר משפט ווערען וויא ער וואלט געוועזען אמורד במלכות... און עס זאל איהם ניט העלפען קיינע אויסלייזונגס-געלד. אויך האט דער קאניג ערלויבט דעם יודישען שליח „ברוך״ פון יארק דאס ער האט דיא ערלויבניש און דאס רעכט צוריקקעהרען צו זיין יודישען גלויבען וויא

געוועז, ווייל ער האט זיך געטופט ניט מיט זיין גוטען ווילען, נור מחמת גרויס פחד פאר די קרייצפאהרער זייא זאלען איהם ניט טאדטען.

הערת המעתיק:

שוין ניט איין מאל האבען מיר געזאגט אין „שבט יהודה" דאס דיא קאניגע רובם ככולם זיינען אלע מאל געוועזן מלכי חסד, זייער ווילען, פערלאנג און שטרעבען איז געוועזן: דאס אלע זייערע אונטערטהאנער, זאללען לעבען בשלום, במנוחה ובשלוה, זייא זאלען זיין פריינדליך איינער צו דעם אנדערן, נור מאנכעסמאל האבען זיך געפונען פון דיא אמאליגע הערשער, פארצייטיגע קאניגע, וואס שלעכטע מענשען האבען זייא פארפיהרט, אויף א ניט גלייכע וועג. פארדארבענע יועצים מיט שלעכטע חאראקטערע האבען זייא אבגענארט. וויא למשל; המן דער צורר היהודים האט בעטראגען דעם קאניג אחשורוש, ניט אזויא האט קיין מאל געטראפען אין אונזער גרויסע געבענשטע לאנד רוססלאנד, דיא יודען אין רוססלאנד וייסען ניט פון קיינע שלעכטעס. פון קיין אינקוויזיציא. פון קיין אוטא-דע-פע, דערפאר אליין דארפען מיר בעטען גאטט און מתפלל זיין דיא תפלה „הנותן תשועה למלכים" וכו' וכו' בימיו ובימינו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח ובא לציון גואל וכו' אמן ואמן!—.

ח.

דיא גרויסע קנאה.

אדער

דער פאלשער אנטווארט.

וויא לאנג דער קאניג ריכארד איז געזעסען אין זיין לאנד, זיינען דיא יודען געוועזען רוהיג, זייא האבען געלעבט במנוחה ובשלוה, וויל דיא יודענפיינדע האבען מורא געהאט פאר דעם קאניג צו טהון שלעכטעס דיא יודען. אבער וויא ער האט פערלאזען ענגלאנד, אונ ער איז געגאנגען מיט פיליפ אויגוסט דער קאניג פון פראנקרייך, העלפען דיא קרייצפאהרער וואס זיינען געגאנגען אין מארגענלאנד, האט מען אין גאנץ ענגלאנד אין יעדער שטאדט פארגאסען יודישעס בלוט, וויל דיא כריסטען—דיא געבארענע ענגלאנדער—האבען מקנא געוועזען דיא רייכע יודען, עס האט זיך זייא געוואלט בעקומען דיא יודישע געלד, זייערע ציהרונג אונ זייער גאנצען פארמעגען, דערפאר האבען דיא כריסטען לוסט געהאט צו בעפלינדערן, בערויבען דיא יודען, ביי זייא צונעהמען זייערע חפצים וואס זייא (דיא יודען) האבען צוזאממענגעזאממעלט מיט גרוים מיה אונ מאטערניש. נור אזויא וויא זייא האבען

ניט געוואלט דאס מען זאל זיא רעכנען אלס פראסטע מארדער, האבען זיא געזאגט: דאס זיא בערויבען דיא יודען נור לשם שמים, פון גאטטעס וועגען, וייל גאטט וויל דיא יודען שלעכטעס טהון פאר וואס זיא האבען שלעכטעס געטהון זייערע היילינגע, אונ זיא דיא (קרייצפאהרער) זיינען דיא שלוחים פון גאטט צו טהון ש׳עכטעס מיט דיא יודען אזויא וויא זיא האבען פארדינט.

דיא כריסטען האבען אנגעפאנגען זייערע רציחות געגען דיא יודען אין דער שטאדט לינן, וייל יענע יודען האט מען גערעכנט אז זיא זיינען רייכע לייט, זיא האבען געהאט אנאמען פאר גרויסע עשירים, דיא כריסטען האבען אויף זיא געמאכט אבלבול, אויסגעטראכט אליגען; דאס דיא יודען האבען נאכגעיאגט מיט אשווערד אין האנד נאך אגעטויפטען יודען, ער איז אריינגעלאפען אין אקירכע זיינען דיא יודען אויך אהין אריינגעגאנגען אונ פון קירכע האבען זיא איהם ארויסגעפיהרט אויף דער גאסס אין אזייטיגען ארט אונ האבען איהם געהרגעט, דערפאר האבען זיך אלע כריסטען פערזאמעלט יעדער פון זיא האט געהאט (געהאלטען) אגעוועהר אין זיין האנד צו הרגענען דיא יודען. אויך דיא קרייצפאהרער האבען מיט יענע כריסטען איין האנד געמאכט, זיא האבען געהאלפען הרגענען דיא יודען, זייערע בלוט פיינד, אונ ניט לאזען פון זיא קיין איינציגען לעבעדיג, מיט גרויס כעס

און גרימצארן זיינען די קריסטען בעפאלען אויף די יודען און האבען פון זייא געהרגת פיעל פאלק, נור איינינע יודען האבען קוים געראטעוועט זייער לעבען נאקעט און באָרפוס, און די קריסטען האבען געפּלינדערט, בערויבט די יודישע הייזער, זייא האבען צוזאמענגענומען זילבער, גאלד, און אלעס וואס זייא האבען דארטען געפונען. נור דער שר העיר וואס דער קעניג האט איהם אויפגענומען ער זאל קוקען מיט אפענע אויגען אויף די אויפפיהרונג פון די שטאדט-לייט, דער פירסט האט די קריסטען געמשפט פאר וואס זייא האבען געהרגת די יודען וואס דאס איז געגען דעם קעניגס ווילען, ער האט געזאגט: דאס מיט זייערע רציחות האבען זייא דעם קעניג אין כעס אריינגעבראכט.

— מיר האבען קיינע שולד — האבען זיך די שטאדט — קריסטען פארטיידיגט — און זייא האבען געשווארען דאס זייא האבען ניט פארגאסען דאס יודישע בלוט, נור די קרייצפאהרער וואס זייא האבען קיין מורא, ניט פאר גאטט און ניט פאר דעם קעניג, אט זייא, נור זייא האבען דאס יודישעס בלוט פארגאסען. כדי צו נעהמען זייער פארמעגען.

אבער די קרייצפאהרער זיינען שוין אוועקגעגאנגען פון שטאדט, זייא האבען מיטגענומען דעם גאנצען יודישען פארמעגען, מיט זיך, זייא זיינען רייך געווארען,

זייא האט קיין אונגליק געשעהען, און קיינער האט ניט געוואוסט וואוהין זייא זיינען אוועקגעגאנגען.

ט.

דיא יודען אין נארוויך.

אדער

באלד אנטלאפען.

נאכדעם זיינען דיא קרייצפאהרער בעפאלען אויף דיא יודען אין דער שטאדט נארוויך (Norwich), זייא האבען געהרגעט מאנער און פרויען מיט זייערע זאהנע און טאכטער, פון דיא דארטיגע יודען איז קיין איינציגער געבליבען לעבען, דאס האט פאסירט זעכס טאג אין מאנאט פעברואר אים יאהר 1190.

אין אמאנאט שפעטער (זיבטען מערץ) האבען דיא יודישע שונאים אזויא געטהון מיט דיא יודען אין דער שטאדט סטאנפארד, דיא כריסטען האבען זיך דארט אין סטאנפארד פערזאמעלט אויף דעם יריד (יאהר מארק), זייא זיינען צוזאמענגעקומען פון נאהנטע און פון ווייטע שטאדט, אויך זעהר פיעל פאלק פון דיא קרייצפאהרער זיינען אהין געקומען. זייא האבען

אהן אשום אורזאכע בעפאלען אויף דיא דארטיגע יודען, זייא געהרגת, בערויבט זייער פארמעגען אונ אויסגעלעערט זייערע הייזער, דיא יודען פון יענער שטאדט זיינען געפאלען טויט דורך דעם שווערד פון זייערע פיינד, נור איינינגע יודען האבען זיך געראטעט פון שארפען שווערד דורך דעם וואס זייא זיינען אנטלאפען אין קאניגליכען פעסטונג (קרעפאסט) נור זייער פארמעגען האבען דיא קרייצפאהרער בערויבט אונ זיינען באלד אנטלאפען פון שטאדט, כדי דיא שרי המלוכה זאלען זייא ניט משפטן אונ בעשטראפען פאר זייערע רציחות.

דיא יודען וואס האבען געוואהנט אין דער שטאדט לינקאלן, האבען געהערט וואס זייערע ברידער האט געטראפען אין דיא שטאדט „לינן", „נארוויך", אונ „סטאנפארד" האבען זייא ניט געווארט ביז דער אונגליק וועט קומען צו זייא, נור זייא האבען זיך מקדים געוועזן אונ זיינען אנטלאפען אין דעם קאניגליכען פעסטונג וועלכער איז געוועזן ביי דער שטאדט אונ זייא זיינען נצול (געראטעט) געווארען פון טוידט.

י.

יודישע צרות אין ענגלאנד.

אדער

דיא פיער כתות שונאים.

אללע יודען אין גאנץ ענגלאנד האבען געהאט גרויסע צרות, נור גראססערע און פיעל ארגערע יסורים און מעהר צרות האבען געליטען דיא יודען אין דער שטאדט יארק, וויל דיא כריסטליכע בירגער פון יענער שטאדט האבען אללע מאל פיינד געהאט יענע יודען. זייא האבען דיא יודען שטארק מקנא געוועזען פאר וואס זייא זיינען רייך און וואהנען אין שאנע רייכע געפוטצטע הייזער. דאס הויפט האבען זייא מקנא געוועזען דיא יודישע פארשטעהער אין שטאדט, דיא הויפטער פון דער יודישער קהלה, מעהר פאר אלעמען האבען זייא מקנא געוועזען דיא צוויא גבירים „ברוך" און „יוסי" וועלכע דיא געמיינדע האט דורך זייא געשיקט אמתנה דעם קאניג צו זיין קריינונג, וויא מיר האבען שוין פריהער ערצעהלט. דיא צוויא געזאנדטע זיינען געוועזען זייער רייך. אין זייערע הייזער האט זיך געפונען מהייערע אוצרות, און דיא הייזער זיינען געוועזען אזויא פראכטיג, אז

אהיים נאך יארק איז ער פון זיינע גרויסע יסורים געשטארבען, און זיין הויזגעזינד מיט זיין פאמיליע זיינען געבליבען אהנע שטיצונג, אהן א בעל הבית. דענסמאל האבען זיך פערזאמעלט פיער כתות פון זיינע שונאים צו בערויבען זיין פארמעגען, יעדער כתה האט געהאט אנאנדער כונה, די ערשטע כתה זיינען געווען די קרייצפאהרער, זייא האבען געוואלט רויבען דאס פארמעגען, די צווייטע כתה זיינען געווען די שטאדט-בירגער, זייא האבען מקנא געווען די יודישע עשירות, און די שאנע פראכטיגע הייזער, די דריטע כתה זיינען געווען די אדעלייט וועלכע האבען ביי די יודען געליהען (געבארגט) געלד און האבען ניט געוואלט בעצאהלען, און די פיערטע כתה זיינען געווען די כהנים, וואס אין זייא האט דער פאנאטיזמוס געברענט אזוי ווי אפייער וואס ברענט שוועבעל און פעך, זייא האבען שטארק געוואלט נעהמען נקמה פון די יודען, די פיער כתות האבען געזוכט יעדער זיין שלעכטען פלאן געגען די יודען אויסצופיהרען, און אז מען זוכט געפינט מען.

איין מאל ביי נאכט האט אנגעפאנגען ברענגען אהויז אין יארק, מען קאן ניט וויסען אויב דורך אצופאלל אדער מען האט אונטערגעצונדען, אין יענעם טומעל זיינען די יודענפיינדע אריינגעגאנגען צו ברוך'ן אין הויז (שטוב), זייא האבען דארט געפונען נור זיין פרויא מיט זיינע טאכטער, האבען זייא צוגענומען אלס

וואס זייא האבען געפונען, זילבער, גאלד, און חפצים, נאכדעם האבען זייא דאס הויז אונטערגעצונדען פון אללע זייטען, און פארברענט איהר אין פייער.

יא.

דיא יודען אין פעסטונג.

אדער

דער גוטער קאמענדאנט.

וויא „יוסי" האט געזעהען וואס דיא קרייצפאהרער האבען געטהון מיט ברוך'ס הויז, האט ער פערשטאנען אז דאס איז נור אנ'אנפאנג, דען יוסי איז געווען א גרויסער חכם, ער האט פארויס געזעהען דאס דער אונגליק וועט זיך אזויא שנעל ניט ענדיגען, ער וועט גיין ווייטער, און אללע יודען פון גאנצען שטאדט וועלען אריינפאלען אין אצרה, האט ער געאיילט, גענומען זיין גאנצע פאמיליע מיט א גרויסע טהייל יודען פון שטאדט, זייא זיינען געגאנגען צו דעם קאמענדאנט פון פעסטונג און האבען איהם געבעטען דאס ער זאל זייא בעשיטצען פון דיא קרייצפאהרער ביז עס וועט פארבייגיין דיא געפאהר, (סכנה).

דער קאמענדאנט האט געוואוסט דעם קאניגס באפעל איז צו בעשיטצען די יודען, האט ער זייא ערלויבט צו קומען אין פעסטונג, נאכדעם וויא זייא זיינען דארט אריינגעקומען האט ער דעם פעסטונג פארשלאסען, כדי די קרייצפאהרער און אנדערע יודענפיינדע זאלען ניט קאנען קומען דארט.

ביום השני, דעם צווייטען טאג (וויא יוסי מיט פיעל יודען זיינען געקומען אין פעסטונג) זיינען די יודענפיינדע בעפאלען אויף די איבריגע יודען וועלכע זיינען געבליבען, און זייא האבען אלעמען געהרגט מיט אשארפען שווערד, און זייער פארמעגען האבען זייא צוגענומען, נאכדעם האבען זייא בעלאגערט דעם פעסטונג וואו יוסי מיט זיין פאמיליע מיט פיעל יודען האבען זיך בעהאלטען. זייא האבען געשריען צו די יודען און אזויא געזאגט: פערזאוט אייער גלויבען, וועלען מיר אייך קיין שלעכטעס טהון. אבער די יודען האבען זייא קיין ווארט געענטפערט, די יודענפיינדע האבען געבראכט אייזערנע מאשינעס צו ברעכען די וואנד פון פעסטונג, אבער אומזאנסט איז געוועזען זייער מיה. דער פעסטונג איז געווען זייער פעסט און גאנץ שטארק בעשיטצט דורך די יודען.

יב.

דיא שטארקע מלחמה.

אדער

פון אפריינד אפיינד.

ויהי היום, איינעס טאגעס, האט דער קאמענדאנט געוואלט ארויסגיין פון פעסטונג. האבען דיא יודען מורא געהאט פאר איהם ער זאל זייא ניט איבערגעבען צו זייערע שונאים אין האנד, ווייל זייא האבען איהם אויף זיין פנים ערקאנט דאס ער איז צו זייא ניט אזויא פריינדליך וויא ער איז אללע מאל געווען, דערפאר האבען זייא זיך שטילערהייט בעראטהען דאס זייא זאלען דיא טהויערן פון פעסטונג ניט אפנען פאר איהם.

דיא זאכע האט דעם קאמענדאנט זעהער שטארק פארדראסען, זיין צארן האט אין איהם געברענט וויא אפייער, ער האט זיך בעקלאגט אויף דיא יודען פאר דעם גובערנער, ער האט איהם ערקלעהרט זייער עזות און זייערע אונדאנקבארקייט, וויא זייא בעצאהלען איהם שלעכטעס פאר גוטעס, דערמיט וואס זייא האלטען איהם אין פעסטונג וויא ער וואלט זיין ביי זייא אגעפאנגענער.

— דאכט זיך — האט ער געזאגט — דער קעניג האט מיך בעשטימט אלס בעל הבית אין פעסטונג, און יעטצט האבען די יודען צוגענומען דעם פעסטונג אין זייערע האנד, אזוי ווי ער וואלט צו זיי געהערען, זיי טהוען וואס זיי ווילען, אקוראד ווי זיי וואלטען געווען דא די בעלי בתים.

דער גובערנער איז געווען א גרויסער שר, ער האט געזאגט דאס דער קאמענדאנט האט רעכט, און אויף די יודען האט איהם שטארק פארדראסען פאר די זאכע וואס זיי האבען געטהון געגען דעם קאמענדאנט. מיט גרויס כעס איז ער געקומען צו דעם פעסטונג, און ער האט געמוטהיגט די כריסטען דאס זיי זאלען מלחמה האלטען מיט די יודען פון פעסטונג, ביז זיי וועלען דעם פעסטונג צוברעכען און נעהמען נקמה פון די יודען פאר זייער שטאלץ און פאר זייערע אונדאנקבארקייט, ער האט צוזאמענגעזאמעלט בעוואפענטע סאלדאטען וועלכע זיינען געווען אין גאנצען געגענד, און ער האט זיי בעפוילען צו שטורמען אויף דעם פעסטונג, צוברעכען זיינע וואנד, און העלפען די כריסטליכע בירגער אויך די קרייצפאהרער וואס בעלאגערן אויף די יודען מיט זיי זיך אבצורעכענען.

זעכס טאג האט די מלחמה געדויערט, די יודען האבען געשטריטען געגען זייערע פיינד ווי די

גראסטע העלדען, זייא האבען זייערע פיינד געשלאגען און זייא אבגעשטויסען פון פעסטונג צוריק.

הערת המעתיק:

וויא ריכטיג אונזערע חכמים זאגען „אין אדם נתפס בשעת צערו" (ב"ב טז). ווען דער קאמענדאנט וואלט דאס בארעכענט, וואלט ער זיך ניט געפונען באליידיגט אויף דיא אונגליקליכע יודען וואס זיינען געווען איינגעשראקען פון דיא גרויסע רציחות. נור אלם איז בעשטימט פון גאטט!

יג.

אנטלאפען פון פעסטונג.

אדער

חרטה העלפט ניט.

נאכדעם האט זיך דער גובערנער בארעכענט: דאס ער טהוט געגען דעם קאניגס באפעל, ער האט געוואוסט דאס דער קאניג האט בעפוילען צו שיטצען דיא יודען פון זייערע פיינד און ער (דער גובערנער)

פיהרט מיט זייא אמלחמה, אונ וואו? אין דעם קאניגס
פעסטונג! דערפאר האט ער בעפוילען דיא כריסטליכע
בירגער אונ דיא קרייצפאהרער דאס זייא זאלען אוועקגיין,
אבטרעטען פון פעסטונג, זייא זאלען מעהר קיין מלחמה
(קריעג) האלטען מיט דיא יודען, נור חרטה העלפט
ניט ביא אזא ענין, זייא האבען איהם ניט געפאלגט,
אונ אתשובה (אנטווארט) אויף זיינע רייד, האבען זייא
איהם געענטפערט מיט זייער פלוכען אונ שימפפען
איהם, ער איז געוועזען געצוואונגען זייא צו פערלאזען
אונ זייא ערלויבען צו ענדיגען דיא מלחמה, נור זיינע
סאלדאטען וואס האבען איהם געפאלגט, געהארכזאם
געוועזען, האט ער פון דארט צוגענומען אונ איז געגאנגען
צוריק פון דעם ארט פון וואנען ער איז מיט זייא
געקומען, אויף איהם קוקענדיג זיינען דיא גרויסע
מענשען—וועלכע האבען געהאלפען בעלאגערן דעם
פעסטונג—אויך: אוועקגעגאנגען פון פעסטונג, אונ אויך:
פיעל קלוגע אנשטענדיגע בירגער, האבען פון פעסטונג
צוריקגעקעהרט אהיים, וויל זייא האבען געוואוסט
ווען דער קאניג וועט ערפאהרען דערפון, וועלען זייא
האבען אביטערן אונ אפינסטערען סוף, ער וועט זייא
הארט באשטראפען דערפאר.

יד.

דער גרויסער פאנאטיקער.

אדער

דעם קאפף צובראכען.

די יודען האבען דאס געזעהען, האבען זיי געגלויבט אז זיי זיינען שוין געראטעט פון די צרה, זיי וועלען שוין זיין פרייא פון זייערע פיינד; פאר די פלאטצליכע רעטטונג און אונערווארטעטע בעפרייאונג האבען זיי געדאנקט גאטט, געלויבט זיין היילינען נאמען, אבער זייער שמחה האט לאנג ניט געדויערט. די צרה איז פון דאס נייא געקומען, די מעשה איז אזויא געוועזען: איינער פון די גייסטליכע, א גרויסער פאנאטיקער, האט ערוועקט א שרעקליכע גרויסע פייערדיגע שנאה אין די הערצער פון די קריסטליכע בירגער וועלכע זיינען נאך געשטאנען בייא דעם פעסטונג, ער האט זייא געמוטהיגט דאס זייא זאלען ענדיגען וואס זייא האבען אנגעפאנגען, זייא זאלען דעם מויער פון פעסטונג צוברעכען און נאכדעם זאלען זייא נעהמען נקמה פון די יודען דורך דעם שווערד און דורך דעם פייער, דער גייסטליכער איז געוועזען א גרויסער העלד, ער האט זיך מיט דעם רידען אליין ניט

בענוצענט, ער האט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט זיינע דרשות. נור ער האט געטהון מיט די האנד אויך, און מיט אלע זיינע קראפטע האט ער מלחמה געהאלטען געגען די יודען, וויא אפראסטער איינפאכער מענש האט ער געארבייט, ער איז געגאנגען אנגעצויגען אין אווייסע העמד'ל. וויא די כומרים פלעגען אמאל טראגען. און ער האט פארזיכערט: דאס די העמד'ל איז אזויא הייליג, דאס זיא וועט איהם שיטצען פון אקויל, פון אפייל און פון אשטיין וואס די יודען וועלען אויף איהם ווארפען, די העמד'ל—האט ער געזאגט—איז טהייערער וויא דער שטארקסטער פאנצער, נור לאנג האט איהם די העמד'ל ניט געשיטצט, א יוד פון פעסטונג האט אויף איהם געווארפען אשטיין, און ער האט איהם צובראכען דעם קאפף.

טו.

די יודישע אסיפה.

אדער

די שרעקליכע עצה.

די יודען האבען מלחמה געהאלטען וויא די

גראסטע גבורים, יעדעס מאל וואס דיא קרייצפאהרער האבען געוואלט ארויפשטייגען אויף דעם וואנד פון פעסטונג, האבען דיא יודען זייא אבגעשטויסען צוריק, נור אנאנדער אונגליקק האט זייא געטראפען, וואס געגען אזא צרה קאנען דיא גראסטע גבורים ניט בייצושטעהען, נעמליך: דאס ברויט האט זייא געפעהלט, אונ אנדערע שפייז איז אויך געוועזען צו ענדע, זייא האבען קיין זאך ניט געהאט וואס צו עססען, דער הונגער האט זייא שטארק געפייניגט, זייא האבען געזעהען דאס אנשטאדט דעם שווערד וועלען זייא מוזען שטארבען דורך דעם שרעקליכען גרויסען אונערבארמליכען הונגער.

דיא אנפיהרער פון דיא געמיינדע האבען זיך פערזאמעלט צוזאמען, קלעהרען וואס זייא זאלען ווייטער טהון. ביא דער אסיפה איז געוועזען אגרויסער למדן ער איז געוועזען פון פראנקרייך, אונ ער איז געקומען פון זיין לאנד אין דער שטאדט יארק, זיין נאמען איז געוועזען ר' „יום טוב" ער איז געוועזען אירא שמים. דערצו האט ער געהאט אשטארקען כאראקטער, אפעסטען נאטור, אגעזונדטע הערץ, אונ ער איז געוועזען בעגאבט מיט אשכל הישר. מיט נאך פיעל אנדערע מעלות. דעם הויפט איז ער געוועזען א חכם הרואה את הנולד. אויף דער אסיפה האט ער זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, אונ האט אזויא געזאגט: מיין עצה איז דאס אללע וויפיעל מיר זיינען, זאל איינער דעם

אנדערן שלאכטען (קוילען) יעדער מאן זיין פרויא, זאהנע אונ טאכטער, דער לעטצטער וואס וועט בלייבען זאל זיך אליין שלאכטען.

דיא ווארטער האט ער גערעדט מיט גרויס התלהבות, וויא פונקען פייער וואלטען ארויסשפריצען פון זיין מויל. זיין ענטציקונג איז געוועזען איבערנאטירליך, ער האט געענדיגט ריידען מיט דיא ווארטער, ה' אלהי ישראל! גאטט, דער גאטט פון ישראל, וואס קיינער קאן ניט נאכפארשען זיינע געדאנקען. קיינער פארשטעהט ניט זיינע עצות, ער האט מיר דיא עצה געגעבען, דאס מיר אללע זאלען שטארבען על קדוש השם. מיר זאלען היילינען זיין נאמען אונ זיין תורה, זעהט אליין, בארעכענט קלאהר, דאס וויר האבען ניט וואס צו פארלירען, אזויא צו אזויא וועללען מיר מוזען שטארבען, ענטווידער דורך דעם הונגער, אדער דורך דעם שווערד פון אונזערע פיינד, אונ דעם שווערד זעהען מיר דאך מיט אונזערע אויגען, ער איז ניט וויט פון אונז, נור גאנץ נאהנט, אלזא צו וואס זאלען מיר ווארטען? אויף וואס אונ אויף וועמען זאגען מיר האפען? יעטצט איז געקומען דיא ריכטיגע צייט דאס מיר זאלען מקדש השם זיין, היילינען דעם נאמען פון גאטט, איהם אבגעבען אונזערע נשמות ריין, קלאהר, הייליג, אונ ניט פארפלעקט אזויא וויא ער האט זיא אונז געגעבען, איהר ווייסט דאס אזויא האבען געטהון אונזערע עלטערן אין דיא

ערשטע דורות, אויך אין די לעטצטע צייטען און אזויא. לאמיר אויך טהון, ניט אנדערש. דאס איז די בעסטע עצה. און אזויא מוזען מיר טהון.

טז.

לעבען אדער טויט.

אדער

די לעטצטע מיטלען.

אזעלכע רייד און נאך פיעל אנדערע שרעקליכע ווארטער האט ר' יום טוב גערעדט, ביז די מענשען וואס האבען געהאט שטארקע הערצער, פעסטע כאראקטערע און דערצו זיינען זייא געוועזען חכמים הרואים את הנולד, דאס הייסט: זייא האבען געזעהען און בארעכענט וואס די ענדע דערפון וועט ווערן, זייא האבען זיך בעשלאסען איהם צו פאלגען, און צו טהון וויא ער האט זייא אנ'עצה געגעבען, נור די יודען וואס האבען געהאט שלאפע הערצער, שרעקענדיגע נאטורען, זייא האבען מורא געהאט פאר דעם טויט, און זייא האבען זיין עצה ניט געוואלט

הארען און ניט פאלגען, די האפנונג האט זייא אבגענארט, די שרעק און פאנטאזיע האט זייא פארפיהרט. זייא האבען געוואלט לעבען, דער „אהבת החיים" איז ביי זייא געווען זייער שטארק גרויס, דארום האבען זייא פאנטאזירט דאס זייא וועלען געראטעט ווערען פון טויט, זייא וועלען בלייבען לעבען.

הערת המעתיק:

די ליעבע צום לעבען און דעם שרעק פאר דעם טויט, האט גאטט איינגעגעבען אלע לעבענדיגע בריאים אין הערצען, דאס איז דער קיום העולם, ווי איך רייד דייטליכער און קלערער אין מיין ספר'ל „רופאי אליל". דערפאר קאנען מיר ניט בעשולדיגען גאנצליך די יודען אין פעסטונג וואס האבען ניט געוואלט זיך שלאכטען, דאס איז געווען ניט מחמת עקשנות, ווי עס טרעפט אמאל אויף אן'אסיפה, נור דארט האט געשפילט ארא־לע פון חיי־שעה, ווייל שטארבען פערזאמט מען ניט, און אמאל טרעפט זיך אז דורך חיי שעה בלייבט מען לעבען אלאנגערע צייט.

ז׳.

אלם פארברענט.

אדער

צו דער שחיטה.

ר׳ יום טוב פון פראנקרייך האט צובעריית די חלפים און שווערדען צו שלאכטען די הייליגע אונשולדיגע „שה פזורה ישראל“, און די יודען האבען זיך צובעריית צו דער שחיטה. נור דאס ערשטע האבען זייא געמאכט אגרויסען פייער, דארט האבען זייא אריינגעווארפען זייערע אללע זאכען. זייער גאנצען פארמעגען וואס זייא האבען געהאט. כדי דער פיינד זאל דאס ניט בעקומען. נאכדעם האט „יוסי“ גענומען אמעססער אין זיין האנד און האט געשלאכטעט זיין ליעבע פרויא „חנה“, זיא איז געווען זייער אפרומע, נאכדעם האט ער אויסגעשטרעקט זיין האלדז געגען דעם חלף וואס ר׳ „יום-טוב“ האט איהם געהאלטען אין זיין האנד, און ר׳ יום טוב האט איהם געשלאכטעט און ער איז געשטארבען.

סוף דבר, צו ענדע האבען זיך די גראסטע טהייל יודען פון פעסטונג, איינער דעם אנדערן געקוילעט, אויך זייערע ליבע פרויען און קינדער

האבען זייא מיט זייערע אייגענע האנד געשלאכטעט און זייא זיינען געשטארבען על קדוש השם, פון גאטטעס וועגען.

יח.

דער צווייטער חרבן.

אדער

קיין נייעס.

דיא שרעקליכע שוידערהאפטע מעשה האט געטראפפען ערב שבת הגדול, נור דאס איז געוועןקיין נייעס, ניט דעם ערשטען מאל האט אזא מעשה פאסירט. אין דעם זעלבינען טאג (ערב שבת הגדול) האט אמאל געטראפפען אזא מעשה, דאס איז געוועןנאך דעם צווייטען חרבן בית המקדש. דענסטמאל ערב שבת הגדול האט אלעזר דער גרויסער גבור צוזאמענגערופען אללע „קנאים" פון דעם פעסטונג „מסדה" און ער האט זייא געראטהען; דאס זייא זאללען איינער דעם אנדערן שלאכטען, פריהער זייערע זאהנע און טאכטער און נאכדעם זיך זעלבסט. אזוייא וויא ר' יום טוב האט אן עצה געגעבען, און דיא

קנאים האבען זייער פעלדהערר געפאלגט, זייא אללע זיינען דעגסטמאל געפאלען טויט איינער פון אנדערן דורך דעם שווערד, ווייל בייא זייא איז געוועזן בעססער און ליעבער און אנגענעהמער אליין זיך טאדטען עהדער אריינצופאלען בייא דיא רוימער—זייערע בלוט פיינד— אין זייערע אונריינע מארדישע האנד.

יט.

דיא פאלשע שבועה.

אדער

געפאפענט דיא טויערן.

עהדער ר' יום טוב מיט זיינע חברים זיינען געפאלען דורך דעם שווערד פון זייערע אייגענע האנד, האבען זייא דיא טהויערן פון אללע הייזער אין פעסטונג אנגעצונדען. אבער דיא יודען וואס האבען געהאט שוואכע הערצער און האבען זיך געשראקען פאר דעם טויט און האבען ניט געפאלגט דיא עצה פון ר' יום טוב. האבען אנגעווענדעט אללע זייערע כוחות צו לעשען דעם גרויסען פייער וואס האט געברענט אין פעסטונג, אגאנצע נאכט האבען זייא געארבייטעט,

געהארעוועט, דעם גרויסען פייער צו לעשען. כדי זייא זאלען האבען ארטער צו וואהנען.

אויף מארגען פריה. דאס איז געוועזען שבת הגדול ד׳ אלפים תתק״ן (17-טען מארץ 1190) וויא דער פיינד האט אנגעפאנגען שטורמען אויף דעם פעסטונג וויא אללע מאל, האבען דיא יודען—(דער קליינער איבערגעבליבענער)— גערופען צו זייא דאס זייא ווילען שליסען פריעדען, זייא האבען פארשפראכען צו אפנען מיט זייער גוטען ווילען דיא טהויערן פון פעסטונג. אויך האבען זייא פארשפראכען צו טויפען זיך, כדי צו ווערען מיט זייא איין פאלק, נור אויב זייא וועלען שווערען דאס זייא וועלען דיא איבערגעבליבענע יודען אין פעסטונג ניט הרגענען, און זייא איבערצייגען וויא זייערע ברידער זיינען געהרגעט געווארען דורך דעם שווערד, האבען זייא דיא געשלאכטעטע אריבערגעווארפען איבער דעם וואנד פון פעסטונג.

דיא קרייצפאהרער האבען געשווארען דאס זייא וועלען קיין איינציגען יודען טאדטען, אויך קיין שטראף זייא ניט געבען, נור זייא זאלען וואס שנעללער אפנען דיא טהויערן פון פעסטונג.

דיא קרייצפאהרער האבען אבער זייער שבועה ניט מקיים געווען. דען וויא דיא יודען האבען געאפנעט דיא טהויערן פון פעסטונג, זיינען דיא קרייצפאהרער אויף זייא בעפאלען, אויך דיא איבריגע פאלק האבען

געהאלפען שטעכען די יודען און שלאכטען זייא מיט דעם שווערד, אומזאנסט זיינען די אונגליקליכע יודען געפאלען אויף זייער פנים פאר זייערע פיס. געוויינט און געביטען זייא אום רעטטונג. אומזאנסט האבען די פארצווייפעלטע יודען פארשפראכען די קרייצפאהרער צו ווערען אויס יודען און אננעהמען זייער רעליגיאן און גלויבען, די קרייצפאהרער האבען דאס ניט געוואלט הערען. זייא האבען זיך פון זייערע רייד אויסגעלאכט און זייא האבען די יודען געהרגעט מיט דעם שווערד, זייערע פרויען און טאכטער האבען זייא געפייניגט, נאכדעם זייא געהרגעט. און מבזה געווען. חוזק געמאכט פון די אונגליקליכע יודען.

ווער האט בכח צו שילדערן ריכטיג וויא די קרייצפאהרער האבען געטהון מיט די יודען אין פעסטונג. די אונגליקליכע יודען האבען געליטען די ארבע מיתות בית דין סקילה, שריפה. הרג און חנק. און דערצו גרויסע יסורים און ענוים קשים ומרים.

סוף דבר, פון אללע יודען וואס האבען געוואהנט אין דער שטאדט יארק וואס פריהער האבען זייא דארט געלעבט אין עושר (רייכטהום) און מיט כבוד (עהרע) איז פון זייא קיין איינציגער געבליעבען לעבען.

דער צאהל פון אללע געהרגעט'ע יודען אין יארק זיינען געווען א ערך (אונגעפעהר) פינף הונדערט מאן.

ב.

בלוט וויא וואססער.

אדער

דיא גוטהערציגע קריסטען.

פאר דעם ביטערן טאג (16 טען מארץ) האבען דיא קרייצפאהרער אויסגעהרגעט זיעבען און פופציג יודישע פאמיליען פון דער שטאדט עדמונד. מיט איינעם ווארטע: אין יעדער שטאדט און אין יעדען ארט, וואו דיא קרייצפאהרער זיינען געקומען אין גאנץ ענגלאנד, האבען זייא דארט געשלאכטעט דיא יודען. פארגאססען זייער בלוט וויא מען גיסט וואססער, און בערויבט זייער פארמעגען. נור פיעל פון דיא קריסטליכע בירגער וואס זיינען געווען גלויביגע, פרום, זייא האבען געהאט גאטט אין זייער הערצען. האבען זיך ערבארמט אויף פיעל יודען, פערשטעקט, בעהאלטען זייא אין געהיים אין זייערע הייזער און דורך דעם זיינען פיעל יודען נצול געווארען פון טויט, דען דיא יודען זיינען דארט געלעגען בעהאלטען ביז דער גרויסער געפאהר איז אריבער (אוועקגעגאנגען).

כא.

ענדע משפט ;

אדער

פערלארען דעם אמת .

וויא דער קאניג ריכארד האט געהערט פון דיא רציחות וועלכע דיא קרייצפאהרער האבען געטהון דיא יודען אין זיין לאנד, האט דאס איהם זייער שטארק פערדראססען, ער האט זיך מיט גרים-צארן געבייזערט, אונ ער האט געגעבען אפאלמאכט איינעם פון זיינע גרויסע שרים דאס ער זאלל חוקר ודורש זיין, גוט ריכטיג ערפאהרען ווער עס האט דאס בלוט פערגאססען אונ זייא פארמשפט'ן צום טויט. אבער דיא קרייצפאהרער זיינען שוין לאנגסט אוועקגעפאהרען פון ענגלאנד אונ קיינער האט ניט געוואוסט וואוהין זייא זיינען געגאנגען. אונ דיא כריסטליכע בירגער, אויך דיא גרויססע פארנעהמע מענשען וואס האבען פארגאססען יודישעס בלוט זיינען אנטלאפען אין שאטטלאנד אונ זייא זיינען גערעטעט געווארען פון דיא שטראף וואס זייא האט ערווארטעט פון קאניג. אונ דיא איבריגע כריסטען האבען זיך פארטיידיגט: אז זייא ווייסען פון גאר

נישט. זיא האבען דיא יודען קיינע שלעכטעס געטהון. זיא זיינען ריין פון רציחות.

דיא ענדע משפט איז געוועזן: דאס דעם פארשטעהער פון דער שטאדט יארק האט מען ענטזאגט פון זיין אמט. אויסער דעם פסק איז קיין זאך ניט געטהון געווארען.

העררת המעתיק:

וויא ערהאבען און וויכטיג יעדער רעליגיאן איז געגרינדעט, זעהען מיר דאס דער אמתר מאמין, א יוד אדער א כריסט, קוים גלויבט ער אין זיין רעליגיאן מיט דעם גאנצען הערצען, וועט ער קיין מאל ניט טהון שלעכטעס דעם צווייטען. ווייל דיא יודישע אויך דיא כריסטליכע אמונה איז געגרינדעט אויף אשטארקען יסוד (פונדאמענט) ואהבת לרעך כמוך! דער מאמין (גלויביגער) וועט זיך קיין מאל ניט ערלויבען צוברעכען און איבערצוטרעטען דעם וויכטיגען יסוד. נור דער הפקר-מענש, דער צבוע-יאק, דער וואס געהט אנגעצויגען מיט אפאלשע מאסקע פון פרומקייט און דיא הארץ זיינע איז פארדארבען, יענער זוכט זיך אגעלעגענהייט צו טהון שלעכטעס דעם אנדערן, און דאס זעהען מיר אויך פון דיא קרייצפאהרער, אין יענער צייט וואס א יוד איז געוועזן הפקר וויא אחיה אין וואלד, ווער עס האט זיין בלוט פארגאססען האט קיין שטראף געהאט, ווער עס האט איהם

בערויבט איז געווען פארפאלען. אין יענע ביטערע
צייט האבען זיך געפונען פרומע גוטהערציגע כריסטען
וואס האבען די יודען בעהאלטען (פארבארגען) אין
זייערע הייזער און גערעטעט זיי פון טויט. ווייל די
עהרליכע אמתע פרומע כריסטען האבען ערפילט
די גוטע לעהרע פון זייער רעליגיאן גרינדער.

געבע גאטט אז די צוקינפטיגע געשיכטע׳ס
שרייבער זאלען פון אונזער צייט שרייבען בעססערע
אלטע נייעס וויא מיר שרייבען פון אונזער פערגאנגענע
צייט. אמן ואמן!

יח״ס מזח.

ספרי יהושע מֵזח.

„אוצר חדש" „גן הפרחים" (שלשה חלקים)، „האשל" (שני חלקים)
„מכתבים משר של ים" (חמשה חלקים)، „פרחים ושושנים". „האמונה
וההשכלה" „במת ישחק", „ספורי ישראל", „למען האמת" כל
אחד א' רוב׳ ספורי ע"ט: „אשת חיל", „ספורי ירושלים", „קרעצמע
אין וואלד", „ספורי עם", „אלטע מעשיות אונ אימער נייא",
„דיא געקויפטע ליבע", „תולדות אנטקאלסקי", „הומאריסטישעס
וואָרטער ביכעל", „פערל פון ים התלמוד", „ליפפאלד דער
יודישער אונגליקליכער מיניסטער", „ספורים נעימים", „נסים
ונפלאות", „ספורי התלמוד, „דיא איינערזיכטיגע פרויא", „דורך
אונגליק צום גליק", „אשפאציר שיפפעל אויף דעם ים התלמוד",
„דער נייער בעל תשובה" (העתקה משפ"ר ע"י בני יחיה), „מרדכי
הצדיק", „דער קצב", „דיא צווייא וואססערטראָגער", „אַשפאי
אין פנים", „דיא פייערדיגע ליבע", „רב לעמיל דער פאריזער
באנקיר". „דער כח פון צדקה", „שבט יהודה", „מסעי הצלב
הראשון", „לוח המזכיר" (תרנ"ו-ז'-ח'-ט'-ס'-סא'-סב') „דער וויטצלינג"
„דיא פראסטע כלה" „דער אשמדי", „שבט יהודה השלם"
(בשני חלקים) „מסעי הצלב השני" „נדחי ישראל", „דער הימעל
שדכן", „דיא פראנצאָזישע ווייבעל" „דער אמעריקאנער חכם".
„נדחי יהודה". „דיא פארפיהרטע אקטריסע". „שארית ישראל"
„דיא יודישע גדולה". „מסעי הצלב השלישי".

האדרעססע אלי:

О. Мейзахъ. до востребованія, Вильна.

O. Meisach. Postrestant, Wilna.